STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04069

DEFEKTIVE KINDER

M. Menachovsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. מענאַכאָווסקי

דעפעקטיווע קינדער

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל

תשל"א / 1971 תל־אביב

M. MENACHOWSKI
DEFEKTIWE KINDER

I. L. PERETZ PUBLISHING HOUSE
31, ALLENBY ST., TEL-AVIV

מ. מענאַכאָווסקי / דעפעקטיווע קינדער
פאַרלאַג י. ל. פּרץ, אלנבי 31, תל־אביב

©

נדפס בישראל תשל״א
PRINTED in ISRAEL 1971

סידור: משה חמיאל, הדפסה: ״חבצלת״, הרצליה, ישראל

ארויסגעגעבן מיט דער מיטהילף
פון מיין ברודער **יעקב מען**

פאָרוואָרט

משה מענאַכאָווסקי האָט, אַ פּנים, אַ נטיה צו „עקזאָטישע" טעמעס. אָט, אַ שטייגער, האָט זיינס אַ פריערדיק בוך געהייסן „געמישטע חתונות אין דער יידישער ליטעראַטור". און אין דעם איצטיקן ווערק — „דעפעקטיווע קינדער" — האָט ער, אין דער וועלט פון געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, דווקא אויסגעקליבן אַ זייטיקע סטעזשקע און ניט דעם דרך־המלך.

משה מענאַכאָווסקי — דער לערער, דער איידעלער מענטש, מיט אַ צאַרט געפיל פאַר קינדער בכלל, האָט זיך ערנסט פאַר־טראַכט וועגן די קינדער, וואָס מען באַצייכנט זיי ווי ניט־געראָטענע, ווי דעפעקטיווע, — אַזעלכע, וואָס פאַרמאָגן אַ גייסטיקן אָדער פסיכישן מום. ער האָט זיך פאַרטראַכט וועגן זייער מערכה און מצב אין דער היים, אין גאַס און אין שול; וועגן די מעגלעכקייטן צו היילן אָדער כאָטש מינימיזירן דעם חסרון זייערן. בכן, האָט ער זיך גענומען מיט התמדה צום היפשן מאַטעריאַל, וואָס איז פאַראַן וועגן דעם אין דער ענגלישער שפּראַך. ער האָט דעם מאַטעריאַל דורכגעקוקט און דורכגעזיפּט מיט אַן אָפענעם געמיט, אָבער אויך מיט אַן אָפן אויג. דערביי האָט ער זיך באַנוצט מיט אַן אייגענער מאָס, טאַקע ווי אַ לערער און דערפאַרענער פּעדאַגאָג. אים איז געלונגען, ווי אַ פּועל־יוצא פון זיין מי און מחשבה, פון דעם וואָס ער האָט געלערנט און פון זיין דערפאַרונג מיט קינדער, ועל כולם פון זיין סיסטעמאַטישן נאָכדענקען וועגן דעם, אָנצושרייבן אַ ווערק, וואָס איז רייך אין אינפאָרמאַציע און איז ווערטפול אין דעם פּרט פון „אָנווייזונגען", „עצות" און „פּראָגנאָזן", ווי אַזוי צו פאַרבעסערן און פאַרגרינגערן דעם גורל פון דעפעקטיווע קינדער.

ווי אַ ספּעציעלע מתּנה דעם לייענער, ווי סתּם אַזוי אַן עודף, האָט מענאַכאָווסקי אויך אַריינגעגעבן אין בוך אַ קאַפּיטל וועגן דעטעקטיווע קינדער אין דער יידישער ליטעראַטור. משמעות, אַז זיין ליבשאַפט פאַר אונדזער ליטעראַטור האָט עס גורם געווען, און אפשר טאַקע, ווידער אַ מאָל, ווי אַ לערער און ווי אַ מבין אויף ליטעראַטור, איז פאַר אים קלאָר, אַז אַ שילדערונג אין אַ דערציילונג איז אָפט מאָל ביכולת צו באַלויכטן אַ טונקעלן ווינקל פון דער מענטשלעכער נשמה, אָדער אָנצוטאַפּן דעם סאַמע שורש פון פרייד און צער.

פונעם ערשטן איינדרוק קען זיך דוכטן, אַז דער דערמאָנטער קאַפּיטל איז אַ צופעליקער, וואָס האָט ניט קיין דירעקטן שייכות צום ווערק און זיין גאַנצקייט. ס׳איז אָבער ניט אַזוי: אין אַ געוויסן זין באַקומט דער ענין אַ תּיקון אין אָט־דעם קאַפּיטל און ער ווערט אונדז יידיש נאָענט — מחמת דעם, וואָס מיר האָבן דערהערט דעם אומעטיקן ניגון ביי זיך אין דער היים, איז דאָ דער רצון אים צו דערשפּירן אומעטום; און סיי דער אויער און סיי דאָס האַרץ זיינען דעמאָלט אויף דעם אָנגעשפּיצט.

ס׳איז דעריבער ניטאָ קיין אויסטערלישקייט אין דעם, וואָס מענאַכאָווסקי האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט אָט־דער טעמע און האָט איר געווידמעט אַזוי פיל צייט און אָנשטרענגונג. און דאָך בלייבט די שאלה: היתּכן, פאַר וואָס? זיינען דען ניט פאַראַן קיין אַנדערע טעמעס אויף אונדזער סדר־היום? איז וועגן דעם קען מען און מען מעג זיך דינגען. עס ווענדט זיך נאָר מיט וואָס פאַר אַ הנאות מען הייבט אָן און ווי אַזוי מען שאַצט אָפּ די פּראָבלעמען, וואָס באַאומרויִקן אונדז, און די עטישע ווערטן, וואָס זיינען אימאַנענט פאַר די פּראָבלעמען. די טעמע האָט דעם מחבר געלאָקט און געמאָנט ביי אים אויסלייזונג, און דער לערער אין אים, דער פריינד פון קינדער, האָט זיך געמוזט צו דעם צוהערן. און ס׳איז אפשר אין

דעם געווען עפּעס טיפּערס. ס׳איז אפשר געווען זיין ענטפער אויף דער אייביקער פראַגע, וואָס ניט נאָר די רשעים און ציניקער, נאָר — און דאָס איז אַ סך ערגער — אויך די גלייכגילטיקע, די וואָס זיינען צופרידן מיט זיך אַליין, חזרן איבער פון דור צו דור — ס׳איז געווען קינס תשובה אין דער פאָרעם פון אַ רעטאָרישער פראַגע: „השומר אחי אנוכי?" איז אויב דער „השומר אחי אנוכי?" איז אין משך פון דער מענטשלעכער געשיכטע געווען אויפן חשבון פון די אָרעמע, פון די אונטערדריקטע, פון די פאַריאָכטע און פון די פאַריאָגטע בכלל, איז עס געווען באַזונדערס חל אויף די, וואָס זיינען גייסטיק אָדער פסיכיש ניט געווען בסדר. זיי זיינען תמיד געווען די קרבנות, זייער חשיבות איז געווען הפקר צוליב דער פאַראַכטונג און דער גרויזאַמער אַפּאַטיע מצד די, וואָס זיינען כלומרשט געווען „נאָרמאַל", ביים שׂכל, און האָבן זיך צוגעפּאַסט און אריינגעפּאַסט אין דער סביבה. אָט־די באַציונג האָט זיך לעצטנס געביטן לטובה, און אַנשטאָט ביטול און בייזקייט איז געקומען רחמנות און דער פאַרלאַנג צו לינדערן די ליידן פון די אומגליק־לעכע. דאָס איז אָבער ניט גענוג; די לאַגע פון די אַ"ג „ניט־דער־וואַקסענע", פון די דעפעקטיווע קינדער, איז נאָך אַלץ אַ מאוימ־דיקע, און דער פּראָבלעם ווערט נאָך אַלץ באַהאַנדלט ווי אַ מינאָרער, און די מיטלען אויף צו העלפן זיינען נאָך אַלץ אין אַ סך פאַלן און אין אַ סך ערטער ניט בנמצא.

ס׳איז שוין דערמאָנט געוואָרן, אַז דער מחבר האָט זיך גרינטלעך אָריענטירט אין דעם אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל אויף דעם געביט. און ס׳איז מערקווערדיק, מיט וואָס פאַר אַ געניטקייט ער האָט דאָס „אַסימילירט" און ס׳איז געוואָרן זיין אייגנס. ער האָט זיך אָנגע־שפּאַרט סיי אויף דער וויסנשאַפטלעכער און סיי אויף דער שיינער ליטעראַטור. אין זיין סטיל איז פאַראַן אַ בעלעטריסטישער עלעמענט און דאָס בוך איז ניט איבערגעלאָדן מיט סטאַטיסטיק און טאַבעלעס.

דער לשון איז ניט האַרט און האַמעטנע, די זאַצן זיינען ניט אָנגעפּיקעוועט מיט טעכנישער טערמינאָלאָגיע. מען דאַרף זיך טאַקע קאָנצענטרירן ביים לייענען דאָס בוך און „צוליגן קאָפּ", אָבער עס פאָדערט זיך ניט קיין האַרעוואַניע, קיין אומזיסטע טירחה, און דאָס לייענען איז באַגלייט מיט פאַרגעניגן.

אַפילו ביים ציטירן איז פאַראַן אַ געלעגנהייט פאַר אַ מחבר אַרויסצוּווייזן געשמאַק און ראַפינירטקייט. און עס זיינען טאַקע דאָ אין בוך טרעפלעכע אויסצוגן פון קאָמפּאָזיציעס, פון אויטאָפּאָרטרעטן, וואָס קינדער האָבן אַליין געשריבן. זיי זיינען רירנדיק, און ס'איז ווי אַ פענצטער וואָלט זיך געעפנט און עס וואָלט פאַר אונדז פאַרבייגעשוועבט אויף אַ רגע די נשמה פון איינעם פון אָט־די קינדער.

וואָס איז דער „פּראָגנאָז"? צו וואָס פאַר אַ מסקנה דערפירט עס אונדז? דער אמת איז, אַז מען קען אַ סך אויפטאָן פאַר אָט־די קינדער, ווען זייערע עלטערן וואָלטן געוווסט ווי אַזוי און וואָלטן דערצו געהאַט געדולד, אויסדויער און וואָלטן זיך אַליין ניט געמאַטערט אין באַדינגונגען, איבער וועלכע זיי זיינען ניט די באַלעבאַטים; ווען די געזעלשאַפט וואָלט אָנערקענט, אַז ס'איז אַן אויפגאַבע, וואָס מען טאָר ניט אָפּלייגן, און אַ התחייבות, וואָס מען טאָר ניט פאַרלייקענען.

עס האָט ניט קיין זין זיך צו אַמפּערן, צי דער מום ביי דעפעקטיווע קינדער איז אַ פּראָדוקט פון ירושה, וואָרצלט זיך אין דעם עבר און איז מחוץ די גרענעצן פון אונדזער קאָמפּעטענץ, צי די סיבה דערפון שטעקט אין דער סביבה, וואָס רינגלט אונדז אַרום, ד"ה אין דעם הווה מיט זיינע קריזיסן און שפּאַנונגען, אין דעם אינטעלעקטואַלן און מאָראַלישן תוהו ובוהו, וואָס הערשט אין אַ סך היימען, אין דער רוטיניזירטער דערציונג, אָן אַ רוח חיים.

ווי עס זאָל ניט זיין, איז אומבאַדינגט נייטיק, אַז מיר זאָלן

זיך קאָנצענטרירן אויף דעם איצט, אויף דער אַרומיקער סביבה, אויף די באַדינגונגען, וועלכע זיינען, לכל הפחות, אין אונדזער רשות. אויף וויפל מיר זיינען ביכולת צו בייטן אָט־די באַדינגונגען און אָפּווישן די שאָטנס אין דער איצטיקער סביבה און אויסגלייכן די קרומקייטן, אויף אַזוי פיל זיינען מיר משפיע די צוקונפט און מיר ווערן שותפים צו דער דראַמע פון יצירה אין שייכות מיט דעם מאָרגן, מיט דער וועלט, וואָס וועט זיין אין דער צוקונפט. אַזוי אַרום איז די ירושה אַ פונקציע פון דער סביבה. און דעריבער איז בלויז דורך ענדערונגען אין דער סביבה, בלויז דורך אונדזער אויפפירונג אין דעם היינט קענען מיר זיך ראַנגלען מיט דער ירושה פון נעכטן און זי מנצח זיין און אַזוי אַרום מאָדיפיצירן זי און מאָדולירן זי צום גוטן מאָרגן.

מענאַכאָווסקיס ספר איז ביי אונדז אַ געווינס פאַר דער ליטע־ראַטור, וואָס איז נוגע קינדער, נוגע זייער גייסטיקער און פסיכי־שער שלימות. מען דאַרף דעם ספר לייענען מיט קאָפּ און מיט האַרץ. מען קען דערפון לערנען ניט נאָר ווי צו היילן, אויף וויפל עס לאָזט זיך, נאָר אויך לערנען ווי צו הייליקן די צעריסענע אָדער ניט־פאַרפאָלקאָמטע פערזענלעכקייט ביי דעפעקטיווע קינדער און אפילו אויך ביי נאָרמאַלע קינדער.

ס׳איז פאַראַן אַ מוסר־השׂכל פאַר אונדז אין חומש בראשית וועגן יוספן. יוסף, דאָס יינגל פון כנען, האָט געחלומט חלומות און האָט ניט פאַרשטאַנען זייער באַטייט. ווי באַוווּסט, האָבן אים זיינע ברידער פאַרקויפט אַלס אַ קנעכט. נו, איז איינער, וואָס חלומט חלומות און קען ניט תופס זיין זייער תוכן, שוין דערמיט אַליין אַ שקלאַף, אַ גייסטיקער קנעכט, אַ געשמידטער אין קייטן. אין מצרים האָט יוסף אָבער ניט בלויז פותר געווען זיינע חלומות, נאָר אויך די חלומות פון אַנדערע און איז שפּעטער געוואָרן אַ שני למלך. דער סימבאָלישער ניואַנס איז דאָ בולט: דער וואָס האָט

די פֿאַנטאַזיע און דעם מוט צו חלומען חלומות און איז בכוח אויפֿ־צוכאַפּן זייער ניגון און נייער בשורה, איז פֿריי ווי אַ קעניג און איז באַלעבאָס איבער זיך. אָט דאָס איז, אפֿשר, דער יסוד פֿאַר אַלע רפֿואות און דער סוד פֿון זייער צויבער, הן פֿאַר דעפּעקטיווע קינדער און הן פֿאַר נאָרמאַלע. דעריבער איז דער חוב: צוגרייטן אַלע קינדער פֿאַרן שטאַרקסטן נסיון און פֿאַר דער ווילכטיקסטער עובֿדה — זיי זאָלן פֿעיִק זיין צו חלומען זייערע חלומות, צו באַ־שטימען זייער ציל אין לעבן, צו געפֿינען זייער וועג אין דעם לאַבירינט פֿון עקסיסטענץ. דאָס וואָלט געווען אַ ברכה פֿאַר זיי און אַ גליק פֿאַר דער געזעלשאַפֿט.

עזריאל נאַקס

הקדמה

אין מיין העכער פופציק־יאָריקער דערפאַרונג אַלס לערער און פּרינציפּאַל פון יידישע נאַציאָנאַל־וועלטלעכע שולן, איז מיר אויסגעקומען צו האָבן צו טאָן מיט טויזנטער פאַרשיידענע קינדער פון פּוילן, פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע און קאַנאַדע. אויף דעם געביט פון קינדער־דערציונג האָב איך גרויס דערפאַרונג. צווישן מיינע געוועזענע תלמידים זיינען פאַראַן פיל אָנגעזעענע יידישע לערער, שרייבער און געזעלשאַפטלעכע טוער.

איך האָב אין משך פון מיין באַוווסטזיניקן לעבן בייגעשטייערט אַרבעטן אין פאַרשיידענע פּעדאַגאָגישע זשורנאַלן, געהאַלטן לעקציעס פאַר לערער און לעצטנס אַליין אויך צוגעגרייט לערער פאַר אונדזערע שולן.

איך האָב ניט ווייניק געבלאָנדזשעט אין מיין פּעדאַגאָגישער אַרבעט, עקספּערימענטירט ניט נאָר אין הינזיכט פון פּראָגראַם, נאָר אויך אין אופן פון לערנען און אָנווענדן די געהעריקע מעטאָדיק.

כ׳פלעג ניט איין מאָל אַרויסגיין פון קלאַסצימער אין אַ שלעכטער שטימונג צוליבן ניט קענען האַלטן דאָרט די דיסציפּלין. ביי אייניקע קינדער האָב איך גאָרניט געקענט אויספירן, ניט מיט גוטן און ניט מיט בייזן.

איך האָב זיך שטענדיק באַמיט צו זיין רויִק אין קלאַס, ניט אויפהייבן צו הויך מיין שטים, פאַרקוקן ווען אַ קינד איז אַ מאָל געווען ניט איבעריק אויפמערקזאַם, געהאָלפן די, וואָס זיינען ווייניקער פעיִק, כדי זיי זאָלן קענען אָנגיין מיטן קלאַס, געריכט די קינדער, וואָס האָבן אַ ווילן צום לערנען, פּלאַנירט ווי צו וואַריִרן די לעקציעס, אַז זיי זאָלן ניט ווערן מאָנאָטאָן, געזוכט די סיבה,

פאַר וואָס דאָס אָדער אַן אַנדער קינד לערנט זיך ניט גוט און זיך באַמיט אים צו העלפן מיט וואָס נאָר מען קען. כ׳האָב קיין מאָל קיין קינד ניט פאַרגעוואָרפן, אַז ער קען ניט, נאָר געבעטן, אַז ער זאָל זיין מער אויפמערקזאַם, וועט ער בעסער קענען.

איך מייד אויס צו געבן עקזאַמענס און טעסטן. כ׳ווייס גענוי וואָס יעדעס קינד קען: יעדע לעקציע איז ביי מיר אַ מין עקזאַמען, אַ טעסט אין אַ געמיטלעכן צושטאַנד. ווען קינדער לייענען, ענטפערן אויף פראַגעס, שרייבן אויפן טאָוול אָדער אין די העפטן, זע איך דאָן וואָס זיי קענען, אין דער צייט, ווען אַן עקזאַמען שאַפט אַן אָנגעשטרענגטע שטימונג, אַ נערוועזיטעט, די קינדער פאַרלירן זיך און גיבן אָפט מאָל אַ פאַלשן ענטפער, מאַכן גרייזן, און דאָס אַלץ דעפרימירט זיי.

איך באַמי זיך צו זיין אַ פריינד פאַר די קינדער, אַרויסווייזן זיי וואָס מער ליבשאַפט, זיין פאַר זיי אַן אמתער חבר, וואָס שטרעבט זיי צו געבן וויסן, וואָס איז פאַר זיי אַזוי שטאַרק וויכטיק. ווען כ׳האָב אַ קינד עפּעס צו באַמערקן, באַמי איך זיך צו ריידן מיט אים פּה אל פּה. איך ווייס, אַז זיינע צוזאָגן צו זיין מער אויפמערקזאַם, טאָן די אַרבעט בעסער אד״גל וועט ער ניט שטענדיק אויספירן. איך ווייס אויך, אַז קינדער קענען ניט זיין שטענדיק אויפמערקזאַם אין קלאַס, ווייל זיי האָבן זייערע שטימונגען, זיינען אַ מאָל מיד און ניט אויפנאַמספּעיִק; אין אַ באַשטימטן עלטער זיינען זיי נערוועז און אומרויִק; אָפט מאָל מוזן זיי זיין אַ טייל פון דער „טשערעדע״ און איר אַרויסווייזן סאָלידאַריטעט און חברשאַפט.

פאַראַלעל מיט מיין שטרענגקייט גייט ליבשאַפט צו די קינדער. כ׳מייד אויס צו באַשטראָפן איינצלנע קינדער אָדער דעם גאַנצן קלאַס. ווען עמעצער אָבער שטערט און גייט אַריבער אַלע גרענעצן, מוז ער זיך אָדער באַהערשן, אָדער פאַרלאָזן דעם קלאַסצימער ביז

ער וועט נעמען פילן, אַז ער וועט קענען קאָאָפּערירן מיטן קלאַס. דאָס פּראַקטיציר איך אָבער זייער זעלטן. איך באַמי זיך צו זיין קאָנסעקווענט, זיך האַלטן ביים רעגולאַמין, וועלכער ווערט איינגעשטעלט אין די ערשטע וואָכן פונעם שוליאָר. די קינדער ווייסן וואָס זיי מעגן טאָן און וואָס ניט. מאַך איך אַ טעות — אַנערקען איך עס. דאָס זעלבע פאָדער איך אויך פון די קינדער. יעדער איינער איז ניט שטענדיק פּערפעקט, און פון טעותים לערנט מען זיך.

ביי קינדער, וועלכע קענען זיך ניט האַלטן לויט די רעגולאַציעס פון קלאַס־אויפפירונג, זוך איך די סיבות דערפון. איך רעד מיט די עלטערן, איך באַקען זיך מיט די באַציונגען צווישן די עלטערן, פּרוביר צוזאַמען מיט זיי עפּעס טאָן.

*

די וויסנשאַפט וועגן דעפעקטיווע קינדער איז פאַרהעלטעניש־מעסיק נאָך גאָר יונג, סך־הכל אַרום 60 ־ 70 יאָר. אַפילו די טערמינאָלאָגיע איז נאָך ווי געהעריק ניט פעסטגעשטעלט געוואָרן. באַזונדערס שווער איז דער ענין פון זיך באַנוצן מיט די געהעריקע באַגריפן אין דער יידישער שפּראַך.

אַזוי, למשל, שרייבט ד״ר ה. קאָוואַרסקי אין פּעדאַגאָגישן חודש־זשורנאַל „די נייע שול״ פאַרן יאָר 1920: „די אויספאָרשונג פון דעפעקטיווע קינדער האָט זיך אָנגעהויבן לפי ערך דאָ נישט לאַנג, נישט מער ווי מיט אַ יאָר 15 ־ 20 צוריק, אַזוי אַז דער באַגריף גופא — אָפּגעשטאַנענער, דעפעקטיווער איז נאָך ניט געוואָרן קיין פעסטגעשטעלטער און קלאָרער. די אויספאָרשער פון דער דאָזיקער פראַגע גיבן די פאַרשיידנסטע סכעמעס און סיסטעמאַטיזאַציעס פון אָפּגעשטאַנענע קינדער״.

ווי מיר זעען, זיינען ביים ד״ר ה. קאָוואַרסקי די ווערטער ,,דעפעקטיווע״ און ,,אָפּגעשטאַנענע״ סינאָנימען.

ווייטער שרייבט ד״ר ה. קאָוואַרסקי: ,,איך האַלט, אַז די קלאַסיפיקאַציע דאַרף זיין אַזאַ: א) אָפּגעשטאַנענע, גאַרנישט אויפטועניקע, וואָס קענען דורך די אָדער יענע מיטלען דערלאַנגען ביז דער נאָרמע; און ב) דעפעקטיווע, אָפּגעשטאַנענע, אַנאָרמאַלע, וואָס קאָנען בשום אופן נישט דערגרייכן צו דער נאָרמע״.

ווי מיר זעען, באַנוצט ד״ר ה. קאָוואַרסקי דעם באַגריף ,,אָפּגעשטאַנענע״ איןביידע קאַטעגאָריעס.

דער פּסיכאָלאָג א. א. ראָבאַק שרייבט אין דער ,,דערציונגס־ענציקלאָפּעדיע״, אַרויסגעגעבן פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין יאָר 1959: ,,אַזוי ווי דער גאַנצער ענין ווערט אויסגעפּאָרשט פון פאַרשיידענע קוקווינקלען אין פאַרשיידענע לענדער און אין פאַרשיידענע צייטן, איז ניט קיין חידוש, וואָס די טערמינען, צו באַצייכענען אַ געוויסן צושטאַנד, זיינען ניט די זעלבע און דערפאַר ברענגט עס אַריין אַ שטיקל צעמישונג״.

*

ביים שרייבן דאָס דאָזיקע בוך האָב איך פיל מאַטעריאַל גע־געבן פון מיין אייגענער דערפאַרונג און כ׳האָב פיל ציטירט און איבערגעגעבן פון אַנדערע קוואַלן.

*

איך דריק אויס אַ האַרציקן דאַנק מיין פרוי סטערע, מיינע טעכטער ברײַנדל ראַז און זעלדע פעלדבריל — די ערשטע אַ לערע־רין, די צווייטע אַ סאָציאָלאָגין, — ווי אויך מיין געוועזענעם תלמיד,

דעפעקטיווע קינדער

דעם קינדער־דאָקטער באָראָכאָוו־דיזנהויז, פאַר די באַמערקונגען, וואָס זיי האָבן געמאַכט ביים לייענען דאָס בוך אין מאַנוסקריפּט.

אַ באַזונדערן דאַנק דעם פּראָפעסאָר עזריאל נאַקס פאַר אָנשרייבן דאָס פאָרוואָרט צום בוך.

איך וויל האָפן, אַז סיי די עלטערן און סיי די לערער וועלן לייענען דאָס בוך און עפּעס לערנען פון אים.

דער מחבר

וואָס מיינט „דעפעקטיווע קינדער״?

די פּראָפעסאָרן עדוואַרד ל. פּרענטש און דזשיי קליפאָרד סקאָט, אין זייער בוך Child in the shadows דערקלערן, אַז גייסטיקע אָפּגעשטאַנענקייט איז ניט קיין קראַנקהייט, נאָר אַ צושטאַנד (Condition), ווי זיין בלינד אָדער טויב. צו דער קאַטעגאָריע אָפּגעשטאַנענע קינדער געהערט אַ ברייטער שיכט פון כמעט־נאָרמאַלע ביז זייער שטאַרק אָפּגעשטאַנענע, וועמענס אויסערלע־כער אויסזען איז אָפּהענגיק אין אַ גרויסער מאָס פון דער אָפּגע־שטאַנענקייט, און זיי ווערן איינגעטיילט אויף עמאָציאָנעל צע־שטערטע און גייסטיק אָפּגעשטאַנענע. אָפט מאָל איז דאָס צווייטע אַ רעזולטאַט פון ערשטן. עמאָציאָנעל צעשטערטע קינדער איז מעגלעך במשך אַ ריי יאָרן אויסצוהיילן. ס׳טרעפט אָבער, אַז אַזעלכע קינדער, ווען זיי ווערן ניט געהעריק געהיילט, גייען איבער אין אַ צושטאַנד פון גייסטיק אָפּגעשטאַנענע מיט אַן אינטעליגענץ־וויפלער וואָס איז נידעריקער פון 70. דאָס עמאָציאָנעל צעשטערטע קינד קען אַפילו האָבן אַ געזונטן, אָנגענעמען אויסזען און איז אין אַ געוויסן זין פעיִק אויפצונעמען סאָציאַלע און מאָראַלישע פאַראַנט־וואָרטלעכקייטן.

אין קאַנאַדע, למשל, (דאָס ווייניגסט פון שרייבער פון די שורות), פאַרמאָגן מיר, לויט דער אָפיציעלער סטאַטיסטיק פון קאַנאַדער געזעלשאַפט פאַר אָפּגעשטאַנענע קינדער, דריי פּראָצענט גייסטיק אָפּגעשטאַנענע קינדער. פון דער צאָל דערגרייכן דריי און אַכציק פּראָצענט צו אַן אַנטוויקלונג, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַכט ביז צוועלף־יאָריקע קינדער, דרייצן פּראָצענט דערגרייכן

צו דער אַנטוויקלונג פון פיר־ ביז אַכט־יאָריקע קינדער און פיר פּראָצענט זיינען אין גאַנצן אָפּהענגיק פון אַ צווייטנס הילף.

גייסטיק אָפּגעשטאַנען (mental retardation), זאָגן אונדז די אויבן דערמאָנטע פּראָפעסאָרן, איז ניט דאָס זעלבע וואָס גייסטיק קראַנק. די הייך פון דער אינטעליגענץ האָט גאָרניט צו טאָן מיט דעם, צי דער מענטש איז יאָ אָדער ניט גענייגט צו גייסטיקע קראַנקהייטן, פּונקט ווי אַ מענטש קען קריגן אַ לונגען־אָנצינדונג אומאָפּהענגיק פון זיין וווקס...

גייסטיק אָפּגעשטאַנענע קינדער זיינען גענייגט צו ווערן גייסטיק קראַנק מער ווי דאָס דורכשניטלעך נאָרמאַלע קינד, ווייל זיי ווערן גיכער פראַסטרירט, אויב מען באַהאַנדלט זיי ניט ווי געהעריק. אין דעם פאַל איז נייטיק סיסטעמאַטישע הייל־פּעדאַגאָגישע הילף.

גייסטיק אָפּגעשטאַנענע קינדער ווערן איינגעטיילט אין דריי גרופּעס: שטאַרק אָפּגעשטאַנענע (אידיאָטן), מיטלמעסיק אָפּגעשטאַנענע (אימבעצילן) און לייכט אָפּגעשטאַנענע (מאָראָנען).

צו דער ערשטער גרופּע געהערן קינדער, וואָס זייער מוח איז דעפעקטיוו צוליב פאַרשיידענע סיבות און זייער אינטעליגענץ־וויפלער וואַקלט זיך צווישן 0 און 30. זייער שכל דערגרייכט דעם ניוואָ פון אַ צוויי־יאָריק קינד. אַזאַ קינד קען מען גלייך דערקענען. עס הייבט אָן שפּעטער צו גיין, שפּעטער ריידן און זיין שפּראַך באַשטייט פון עטלעכע ניט־קלאָר אַרויסגערעדטע טראָפן. פאַראַן צווישן זיי אַזעלכע, וואָס קענען אין גאַנצן ניט גיין און ניט ריידן.

ביי די מיטלמעסיק אָפּגעשטאַנענע דערגייט דער אינטעליגענץ־וויפלער פון 30 ביז 50. אַזעלכע קינדער קען מען לערנען פאַרשיידענע פונקציעס און אַ ביסל לייענען.

ביי לייכט אָפּגעשטאַנענע דערגייט דער אינטעליגענץ־וויפלער פון 50 ביז 70. אַ מאָראָן פון פערצן יאָר, למשל, קען ניט באַחשבונען

(לויט בינעס־טעסטן), וויפל בלייערס מען קען קויפן פאַר פופציק סענט, אויב צוויי בלייערס קאָסטן פינף סענט. זיי קענען ניט באַ־חשבונען, אַז אויב איינער פאַרדינט אַ וואָך צוואַנציק דאָלאַר און גיט אויס פערצן, — וויפל צייט דאַרף דויערן אָפּצושפּאָרן דריי הונדערט דאָלאַר.

גייסטיק אָפּגעשטאַנענע קינדער, אין רעזולטאַט פון אַ פיזישן דעפעקט אין מוח, קענען קיין מאָל ניט קומען צו דער מדרגה פון אַ דורכשניטלעכן תלמיד פון זעלבן עלטער. מען קען זייער צושטאַנד פאַרלייכטערן, אָבער ניט אויסהיילן פולשטענדיק. אַזעלכע וואַקסן אויס אידיאָטן, אימבעצילן אָדער מאָראָנען, — אָפּהענגיק פונעם גרויס פון זייער מוח־דעפעקט. זיי זיינען אויסגעשטעלט אויף דער פעדאַגאָגיש־מעדיצינישער היילונג, וואָס זיי באַקומען פון דער סאַמע יוגנט אָן. אַ טייל מוז זיך געפינען אין ספעציעלע אַנשטאַלטן פאַר אָפּגעשטאַנענע קינדער.

גייסטיקע אָפּגעשטאַנענקייט איז אָפט מאָל פאַרבונדן מיט פיזי־שער אַנאָרמאַלקייט: די ציינדלעך גייען אַרויס שפּעט; דאָס קינד קען ניט האַלטן ווי געהעריק דעם קאָפּ; קען ניט זיצן, שטיין און גיין; און ווי שוין דערמאָנט — הייבט אָןריידן שפּעט. אַ מאָל קען זיך דער מצב ענדערן, און דאָס קינד אַנטוויקלט זיך נאָרמאַל. ס׳טרעפט אָבער, אַז ס׳קומט קיין מאָל ניט קיין פולשטענדיקע פאַר־בעסערונג, און דאָס קינד בלייבט אָפּגעשטאַנען דאָס גאַנצע לעבן; דאָס זיינען איבערהויפּט קינדער מיט אַ קליינעם קאָפּ אָדער אַ צו גרויסן קאָפּ, וואָס קען פירן צו אַ ספּאַזמאַטישן צושטאַנד, קינדער, וואָס האָבן געליטן פון אַ מוח־אָנצינדונג, פון אַ קלאַפּ אין קאָפּ, און קינדער, וואָס האָבן באַנוצט שעדלעכע כעמישע שטאָפן.

כאַראַקטעריסטיש פאַר פיזיש אַנאָרמאַלע קינדער איז דער מאָנגאָלישער אימבעציל, וואָס טיילט זיך אויס, גלייך פון געבורט

אָן, מיט קליין־געוווקסיקייט, ווייניק וואָג, מיט אַ פּלאַטשיקן הינ־
טערטייל פון קאָפּ, שלעכטע ציין, גרויסער צונג, סענסיטיוויטעט צו
היץ און קעלט, שמאָלע און לאַנגע אויגן און מיט אַ פאַרגרייזטער
אויסשפּראַך.

וואָס פירט צו מוח־צעשטערונג ביי קינדער?

עס זיינען פאַראַן מער פון צוויי הונדערט סיבות, וואָס פירן צו מוח־צעשטערונג ביי קינדער און מיר קענען זיי איינטיילן אין פיר קאַטעגאָריעס: א) קאָמפּליקאַציעס אין צייט פון שוואַנגער־שאַפט; ב) אומגליקספּאַלן אין צייט פון געבוירן; ג) אומגליקס־פאַלן ווען דאָס קינד איז נאָך יונג — ביז 10 - 12 יאָר; ד) ירושה.

ווי אַזוי קען מען דערקענען, אַז אַ קינד איז גייסטיק אָפּגע־שטאַנען? צייטנווייז איז עס זייער שווער און עס איז נייטיק די הילף פון אַ דאָקטער, פּסיכיאַטאָר, פּסיכאָלאָג, נעוראָלאָג. למשל, לויטן אויסערלעכן אויסזען איז דאָס קינד נאָרמאַל, ווי אַלע קינדער, דאָך האַנדלט עס ניט ווי אַ קינד אינעם זעלבן עלטער. צייטנווייז זיינען די סימנים זייער בולט: מאָנגאָלישע שטריכן אויפן פּנים גלייך נאָכן געבורט, אָדער אַנדערע קערפּערלעכע דעפעקטן, וואָס זיינען באַקאַנט דער מעדיצין; ווען דאָס קינד רעאַגירט ניט צו 3 - 4 חדשים אויף קלאַנגען און באַוועגונגען אין דעם אַרום, זיצט ניט אַליין צו ניין חדשים אָדער קען ניט אַרויסברענגען די קלאַנגען מאַ־מאַ, דאַ־דאַ; גייט ניט אַרום אַליין צו 15 - 18 חדשים; ווען צו צוויי יאָר האַלט עס אין איין פאַלן ביים לויפן אד״גל.

יעדן יאָר ווערן אין די פאַראייניקטע שטאַטן געבוירן בערך הונדערט זעקס און צוואַנציק טויזנט דעפעקטיווע קינדער. אַ טייל פון זיי קען קוים דערגרייכן אַן אַנטוויקלונג פון פיר - זעקס־יאָריקע קינדער און זיינען ניט פעיִק צו זאָרגן פאַר זייערע נייטיקסטע באַדערפעענישן. זיי בלייבן שטענדיק קינדער.

פאַראַן עלטערן, וואָס שעמען זיך צו דערציילן וועגן זייער אומגליקלעכן קינד, זיי האַלטן עס בסוד. אַ טייל עלטערן שיקן זייער

דעפעקטיוון קינד אין אַן אַנשטאַלט, וואָס איז טייל מאָל ניט בכוח צו געבן דעם קינד די געהעריקע הילף, אַ וואַרעמע באַציִונג אאַ״וו. אַנדערע עלטערן האַלטן אַזאַ קינד אין שטוב — באַהאַלטן ערגעץ אין אַ צימער. און ווען מען לאָזט עס אַרויס אין דרויסן, קען זיך עס ניט שפּילן מיט אַנדערע קינדער. זיינען דעריבער אַזעלכע קינדער איינזאַם, אָן אַ ביסל פרייד אין לעבן.

מיט הונדערטער יאָרן צוריק איז געווען אַ חרפּה צו האָבן אַ גייסטיק קראַנקן קינד. עלטערן האָבן דאַן געגלייבט, אַז דאָס איז זייער שולד, אַז פאַר זייערע זינד האָט זיי גאָט געשטראָפט; עלטערן האָבן דעמאָלט קיין אַנונג ניט געהאַט, אַז מען קען ביי פיל פון אַזעלכע קינדער פאַרלייכטערן זייער גורל, אַז מיט דער הילף פון אַ געהעריקער דערציִונג קען מען זיי אויסלערנען צו טאָן ניט־קאָמפּליצירטע האַנטאַרבעט און אַפילו פאַרדינען אַ פּאָר דאָלאַר אַ וואָך.

איבערצייגנדיקע ביישפּילן, וואָס מען קען אויף דעם געביט דער־גרייכן, ברענגט די באַוווּסטע שרייבערין פּוירל באַק אין איר בוך „דאָס קינד וואָס וואַקסט קיין מאָל ניט אויס", ווו זי דערציילט וועגן איר אייגן דעפעקטיוו טעכטערל און וואָס זי האָט פאַר איר אויפגעטאָן.

טיפּן פון אָפּגעשטאַנענע קינדער

בערניס ב. באַומגאַרטנער ברענגט אונדז אין איר בוך „אַ וועג־ווייזער פאַר אָפּגעשטאַנענע קינדער" אייניקע אַזעלכע טיפּן. איינע פון זיי איז דאַנאַ דזשאָנס — זיבן יאָר מיט אַכט חדשים אַלט.

דאַנאַס מאָטאָרישע אַנטוויקלונג, ווי מען זעט עס פון אירע שפּילערייען און מאָטאָרישע אַקטיוויטעטן, איז פאַרהעלטענישמעסיק גוט קאָאָרדינירט. זי צייכנט און שרייבט, ווי אַ קינד אין איר עלטער. איר וויזועל־מאָטאָרישע קאָאָרדינאַציע איז אויך אין אָרדע־נונג. דאַנאַ נעמט אָנטייל אין ריטמיש־באַוועגלעכע אַקטיוויטעטן. דער צושויער קען אָבער באַמערקן, אַז איר קאָאָרדינאַציע פעלט עפּעס. זי טוט זייער ווייניק אויף איר אייגענער איניציאַטיוו. מען דאַרף איר אָפט צוריידן צו טאָן עפּעס. זי איז אָפט זייער אַפּאַטיש און איז ניט גערן זיך צו שפּילן. זי באַוועגט זיך שווער און עס זעט אויס, ווי זי וואָלט האָבן „ליימענע פיס". עס איז איר ניט לייכט צו געבן אַ שמייכל. דער ענטוזיאַזם פון די קינדער אין איר קלאַס ווירקט ניט אויף איר. ווען זי נעמט אָנטייל אין אַ שפּיל און קומט אין באַרירונג מיט קינדער, קוקט זי אויס דערשראָקן. ווען זי קומט צו מיר, איך זאָל איר געבן מיין הסכמה, אַז זי שפּילט זיך שיין, און כ'טו עס, באַווייזט זיך אַ שמייכל אויף איר פּנים.

דאַנאַס טעמפּאָ־מאָדוס ווערט גרעסער, ווען זי דאַרף ניט אָנטייל נעמען צוזאַמען מיט אַנדערע קינדער אין אַ באַשטימטער אַקטיווי־טעט. זי איז אַרבעטזאַם, ווען זי טוט אַ שריפטלעכע אַרבעט, זי האָט דאַן אַ פאַרצוג, ווייל אירע מוסקול־באַוועגונגען זיינען מער אַנטוויקלט ווי ביי די אַנדערע קינדער פון איר קלאַס.

דאַנאַס באַגריף וועגן זיך, ווי מיר זעען איר ביי פיזישע אַקטי־ וויטעטן, איז ווי פון אַ צוריקגעצויגן קליין מיידל.

דאַנאַ איז עקסטרעם, און ווי עס ווייזט אויס איז איר עקס־ טרעמקייט אַ שוצמיטל קעגן דער סביבה, וועלכע זי באַנעמט זייער עפעקטיוו. זי איז אַ פּאַסיווע באַאָבאַכטערין. קעגנזייטיקע באַציִונ־ גען שאַפן פאַר איר פּראָבלעמען.

די מאָטאָרישע קאָאָרדינאַציע ביי דאַנאַן איז טאַקע אַ נאָרמאַלע, איז אָבער איר אויסערלעכער אויסזען, בעת זי גייט אָדער שטייט, ווי פון אַן אַלטער פרוי. אירע עמאָציעס זיינען באַגרענעצט. זי רעאַגירט אויף איין און דעם זעלבן אופן אויף אַ פּאָזיטיווער אָדער נעגאַטיווער באַציִונג צו איר — זי דרייט אַוועק אירע אויגן, אָפט מאָל לאָזט זי אַראָפּ די אויגן און איר קערפּער ווערט שטייף. ווען מען באַמיט זיך, זי זאָל רעאַגירן מיט ווערטער, פאַרבייסט זי די ליפּן און שווייגט. ווען דער לערער מאַכט מיט איר אַ שפּאַס, פאַרשטייפט זי אירע הענט און פיס און דרייט אָפּ אין אַ זייט דעם קאָפּ. ווען מען מאַכט איר אַ קאָמפּלימענט, גיט זי אַ שמייכל, וואָס פאַרשווינדט אַזוי שנעל ווי ער קומט.

איין מאָל איז זי געקומען מיט אַ נייער פריזור — מיט גע־ קרייזלטע האָר. זי איז געווען שטאָלץ מיט איר אויסזען. „איך האָב איר, — דערציילט די לערערין, — געזאָגט, אַז זי איז אַ שיין מיידל, און זי האָט שעמעוודיק געשמייכלט. דעם גאַנצן טאָג האָט זי אַרומגעשפּאַצירט ווי אַ פּאַווע. זי האָט זיך געגרייסט מיט אירע בגדים און האָט מיר געוויזן, אַז זי טראָגט אַ ניי קלייד און אויף די האָר האָט זי אַ נייע לענטע, צום קאָליר פון איר קלייד. ווען מיר האָבן געשמועסט אויף דער טעמע „נייעס אין אונדזער גרופּע", האָב איך אויפמערקזאַם געמאַכט די קינדער אויף איר ניי קלייד און לענטע. זי האָט אויסגעזען שעמעוודיק און שטאָלץ, אָבער פאַר־ שלאָסן אין זיך".

„דאַנאַ מיידט אויס וועמענס עס איז הילף און וויל ניט האָבן צו טאָן מיט קינדער. איך האָב דעם איינדרוק, אַז זי קלערט, אַז מיט דעם שטראָפט זי מיך, און איך בין די באַזיגטע. זי קוקט אויס זייער צופרידן, מאַכנדיק מיך צו גאָרנישט".

דאַנאַ איז פאַרמישט געוואָרן, צוזאַמען מיט נאָך אַ מיידל, אין אַ גניבה. נאָך דעם ווי ביידע האָבן פאַרבראַכט אין שפּילצימער, האָט מען אויסגעפונען, אַז די שופלאַדן פון ביוראָטיש זיינען אויפגעבראָכן. די געגנבעטע זאַכן האָט מען געפונען אין מיידלס טיש. זי האָט באַקומען אַ שאַרפן אויסרייד פאַר איר האַנדלונג. אויפן פנים פון דאַנאַן האָט מען געקענט דערקענען, אַז זי האָט באַנומען די שטראָפרייד און האָט חרטה אויף איר האַנדלונג.

„אויך אַ צווייט מאָל, בעת אַן ענלעכן פאַל, — ווען איך האָב איר מיטגעגעבן אַהיים אַ קעסטעלע קאָלירטע קרייד און, אַריינלייגנדיק על אין איר טאַש, דערזען, אַז זי האָט דאָרט צוויי שערלעך, אַ מעשיות-ביכעלע, בלייערס, קרייד, אַ פּאַפּירענע ליאַלקע, און איר דערקלערט, אַז זי טאָר דאָס ניט מיטנעמען אַהיים, ווייל דאָס געהערט צו דער שול, — האָט איר פנים ווידער אַ מאָל אויסגעדריקט בלויז גלייכגילטיקייט".

דאַנאַ האָט מער אינטעליגענץ ווי זי ווייזט אַרויס. עס איז שווער צו דערזען אירע באַזונדערע פעיִקייטן אין דער צייט ווען זי באַציט זיך מיט גלייכגילט צו די פאַרשיידענע אונטערנעמונגען אין שול און ווייזט אַרויס אומווילן צו טעטיקייטן, סיידן נאָך פיל ריידן מיט איר, אַז זי דאַרף עס טאָן. און מען דאַרף לאַנג וואַרטן אויף איר באַשלוס. זי גיט גיכער איר הסכמה עפּעס צו טאָן, ווען דאָס איז זיצאַרבעט, ווייל דאָס פאַרלאַנגט פון איר ווייניקער עמאָציאָנעלע אָנשטרענגונגען.

דאַנאַ „קלעפּט" ניט צו מענטשן. זי איז ווי איינגעוויקלט אין אַ האַרטער שאָלעכץ. זי האָט אַן עלטערע שוועסטער אין שול און

טרעפֿט זיך מיט איר גערן. אויף איר פּנים ווערט דאַן אויסגעגאָסן אַ פֿרייד און אַ שמייכל. זי שפּאַצירט אַרום געאָרעמט מיט איר שוועסטער און אַז עפּעס געשעט מיט דער שוועסטער, נעמט זי אַ בלייער, צייכנט עס אָן אויפֿן פּאַפּיר און שרייבט אונטער „דזשאַני״. דאָס געמעלעכץ באַהאַלט זי אין איר באַנק. זי איז זייער איינגעהאַלטן און טיילט זיך ניט מיט אירע מחשבות.

דאַנאַ קומט פֿון אַן אָרעמער משפּחה מיט קינדער פֿון צוויי ביז ניינצן יאָר. די פֿאַרבינדונג צווישן דער היים און דער שול איז געווען זייער אַ שווערע. דערפֿאַר ווייסן די לערער זייער ווייניק וועגן איר לעבנס־געשיכטע. מען פֿילט, אַז זי באַהאַלט עפּעס אויס וועגן זיך. דאַנאַ איז געגאַנגען אין אַ קינדער־גאָרטן מיט נאָרמאַלע קינדער. האָט עפּעס מיט איר דאָרטן געמוזט טרעפֿן.

„מיין ערשטע דערגנטערונג צו איר איז געווען אַ פֿאָרזיכטיקע און רויִקע. איך האָב ניט געוואָלט זי זאָל זיך אָנשטרענגען, כּדי געבן איר אַ געלעגנהייט צו אַקלימאַטיזירן זיך אין דער סביבה. אויב איך האָב געוואָלט זי מיט עפּעס באַשעפֿטיקן, האָב איך איר געזאָגט, אַז זי מעג טאָן וואָס איך בעט זי, אָבער עס איז ניט אַ מוז. אין דער אמתן האָב איך זיך באַמיט צו באַלאַנסירן איר אינערלעכן נעגאַטיוויזם מיט אַ פּאָזיטיווע שטעלונג לטובֿת מיין פֿאַרלאַנג. איך האָב אָבער גיך אויסגעפֿונען, אַז עס איז שווער זיך צו האַלטן ביי מיין דרך און האָב געדאַרפֿט שטאַרקער פֿאַרלאַנגען פֿון איר, אויב כ׳האָב געפֿילט אַז זי קען עס טאָן. ווען איך פֿלעג ווערן פֿראָסטרירט, פֿלעגט זיך באַווייזן אַ סאַטאַנישער פֿייערל אין אירע אויגן. איך האָב זיך איבערצייגט, אַז אויב איך וויל ביי איר עפּעס פּועלן, מוז איך גיין אויף מיין פֿריִערדיקן וועג — לאָזן איר האַנדלען לויט איר אייגענעם דרך״.

דאַנאַ האָט קיין מאָל ניט דורכגעלאָזן די געלעגנהייט צו חתמענען איר נאָמען אויף אַ בלאַנק, וואָס זי פֿלעגט צופֿעליק געפֿינען,

אָדער אויף אַ בויגן פּאַפּיר, אויף אַ צייכענונג, אַ געמעל, וואָס זי פֿלעגט אַליין צייכענען.

אין דער צייט ווען דער באַריכט וועגן דאַנאַן ווערט געשריבן איז זי ניט שפּעריש, אויף וויפֿל דאָס האָט אַ שייכות מיט איר מאָטאָרישער אויפֿפירונג. אירע קערפּערלעכע באַוועגונגען זעען אויס ווי פֿון אַ מעכאַנישער ליאַלקע. מען דאַרף זי „אַנדרייען", פֿיזיש און עמאָציאָנעל, זי זאָל „פֿונקציאָנירן". זיך הוידען אָדער קלעטערן איז שווער פֿאַר איר. אויב זי הוידעט זיך, איז עס לאַנג־זאַם און מאָנאָטאָן. זי האָט ליב צו הערן ריטמיש געזאַנג. זי ווייזט שטענדיק אָן אויף איר אויער, ווען זי הערט מוזיק. זי זיצט שטיל און וועט ניט קלאַפּן מיט די הענט צום טאַקט, ווען אַנדערע קינדער טוען עס בעת זיי מאַרשירן אָדער טאַנצן.

דאַנאַ האָט ליב קאָלירן. אירע צייכענונגען, מאָלערייען און האַנטאַרבעטן פֿאַרמאָגן ניט קיין פֿאַנטאַזיע. זיי זיינען זייער פּשוטע. זי עקספּערימענטירט ניט לויט איר אייגענעם ווילן, מען דאַרף זי דערמוטיקן צו דעם. איין טעמע האָט זי — אַ הויז און איבערן טיר פֿון הויז — אַ האַרץ.

דאַנאַס דערגרייכונגען אויפֿן געביט פֿון שפּראַך איז שווער פֿעסטצושטעלן. זי קען איבערחזרן דאָס וואָרט, אויב מען בעט זי, אָבער זעלטן — ספּאָנטאַן. זי געדענקט ניט די קלאַנגען אָדער וואָקאַלן, זי קען זיי אָבער נאָכזאָגן. זי קען ציילן פֿון איינס ביז זעקס שריפֿטלעך, אָבער ניט מינדלעך.

*

אַ צווייטער ביישפּיל. מעי איז אַ שילערין אין אַן עלעמענטאַ־רער שול. זי האָט באַוויזן גובר צו זיין איר פֿריִערדיקע שעמעוודי־קייט און ווערן אַ פּירערין אין קלאַס. זי האָט זיך אויסגעלערנט

אַרויסצווייזן מבינות און גוטע מאַניערן, צו האָבן אַ קאָנסטרוקטיווע ווירקונג אויף די אַנדערע קינדער פון איר קלאַס. אירע אַרבעטן זיינען געווען ציכטיק אויסגעפירט און זי האָט געהאַט פאַרגעניגן, ווען זי האָט געהאָלפן אַנדערע, וואָס האָבן געהאַט שוועריקייטן אין זייער אַרבעט. מעי איז אין איר פאַרבעסערונגס־פּראָצעס דערגאַנגען צו אַ פּערפעקטן רעקאָרד.

אייניקע באַמערקונגען פון מעיס לערער צו אירע עלטערן:

„מעי האָט זיך אויסגעלערנט פאַרשטיין דאָס געליינטע. זי היט און רעספּעקטירט ביכער. זי האָט הנאה פון לייענען, נעמט אָנטייל אין שמועסן וועגן געליינטן. זי שרייבט ציכטיק. האָט זיך אויסגעלערנט שרייבן אַ בריוו צו אירע עלטערן, כמעט אָן הילף. זי ווייס ווו צו שטעלן אָפּשטעל־צייכנס, פראַגע־צייכנס אד"גל.

מעי באַגרייפט צאָלן און קען ציילן. קען חיבור און חיסור אין דער מאָס פון צווייטן קלאַס. זי האָט געמאַכט אַ קאַלענדאַר. זי ווייס ווי אַלט זי איז, קען זיך באַנוצן מיט אַ זייגער און טעלע־פאָן, דערקענט מטבעות און פאַרשטייט זייער ווערט.

מעי האָט באַזוכט, צוזאַמען מיט איר קלאַס, אַ צאָל קראָמען פון שטאָט. זי איז באַהאַוונט אין אַלע טראַנספּאָרט־מיטלען. זי האָט אָנגעשריבן (אין עטלעכע זאַצן) מעשיות וועגן פאָרן אין אַן אויטאָ, באַן און עראָפּלאַן. זי האָט אין איר העפט בילדער פון אַ דאָקטער, דענטיסט, קראַנקן־שוועסטער, אַמבולאַנס, פּאָליציימאַן, פּאָסט־טרעגער און פייער־לעשער. זי פאַרשטייט די באַדייטונג פון פרישע לופט, קליידער, וועטער, פיזישע איבונגען און פאַרשיידענע שפּייזן. זי ווייס ווי אַכטונג צו געבן אויף דער ריינקייט פון קערפּער, זאָרגן פאַר די ציינער. זי קען וואַשן געפעס, ריינִיקן דעם קלאַסצימער, גרייטן אַ טיש. זי איז גוט אין גימנאַסטיק, אויסער לויף־געווערטן. ווען מען דאַרף לויפן, באַקלאָגט זי זיך אויף ווייטיקן אין די פיס. אויך סימנים פון שפּאַנונג ווייזט זי אַרויס, ווען מען דאַרף לויפן,

שפּרינגען אד״גל. זי מיידט אויס, וואָס ווייטער, אַלץ מער, צו באַ־טייליקן זיך אין אַזעלכע איבונגען״.

די אַנטוויקלונג פונעם קינד איז, בדרך כלל, אָפּהענגיק פון דער מוטערס באַציִונג און באַנעמונג צו אים. אַ מוטער, וואָס רעדט צום קינד מיט ליבשאַפט, מיט וואַרעמקייט, אָן כעס, גלעט עס און שמייכלט צו אים, — ווירקט אויף אים, דערציט אַ נאָרמאַל, געזונט קינד. די ניט־באַהאַוונטע מוטער ווערט ביים נערן דאָס קינד עס האַלטן צו שטייף, ניט איידל... די מוטער, וואָס איז נערוועז און ציטערט איבערן קינד שאַפט אויך ניט קיין גינסטיקע באַדינגונגען פאַר זיין אַנטוויקלונג. אַ קינד, איבערהויפּט אָן עופּעלע, איז זייער סענסיטיוו, עס פילט אַרויס סיי די היפּערזאָרג, סיי די ניט־געהעריקע באַציִונג צו אים. דאָס קינד זוכט דאָן אינטויִטיוו אַ באַפריידיקונג פאַר זיך, וואָס עס דריקט זיך הויפּטזעכלעך אויס אינעם זויגן דעם גראָבן פינגער, אין וויגן זיך, אין שפּילן זיך מיטן גע־שלעכטלעכן אָרגאַן אד״גל.

די פּראָפעסאָרן א. ה. מאַסלאָוו און בעלאַ מיטלמאַן, אין זייער בוך „פּרינציפּן פון אומנאָרמאַלער פּסיכאָלאָגיע; די דינאַמיק פון פּסיכאָלאָגישע קראַנקהייטן״, באַווייזן אונדז אויף וויפל ליבשאַפט פון אַ מוטער אָדער דערציִערין שפּילט אַ ראָל אין דער אַנטוויקלונג פון קינד:

„ווען די פּסיכאָלאָגין האָט באַזוכט די פּאָסטערהיים איז דאָס קינד, דריי אַ האַלב חדשים אַלט, געלעגן אין זיין בעטל און גע־זויגן דעם גראָבן פינגער. ווען מען האָט אַרויסגענומען דעם פינגער פון זיין מויל איז עס געבליבן ליגן „בלינד און טויב״ און אויף גאָרניט רעאַגירט. אויף די פראַגעס פון דער פּסיכאָלאָגין האָט די פּאָסטער־מוטער געענטפערט:

— איך וועל עס טייטן, ווי כ׳האָב געטייט די אַנדערע.

— איר האָט געטייט קינדער?

— איך האָב געטייט אַרום פינף און צוואַנציק מיינע אייגענע און פּאַסטער־קינדער.

— ווי האָט איר דאָס געטאָן?

— בלויז מיין אויסזען טייט זיי. איך טו זיי גאָרניט.

— ווי נערט איר זיי?

— איך גיב זיי דאָס פלעשל. אָבער איך באַשעפטיק זיך ניט מיט זיי. איך לאָז זיי איבער אַליין".

ס'איז קלאָר, אַז די פרוי איז געווען אַ סכיזאָפרעניק און האָט ניט געקענט אַכטונג געבן אויף די עופּעלעך. ווען דאָס זעלבע קינד איז אַלט געוואָרן פיר חדשים, האָט מען עס אַריבערגעפירט אין אַן אַנדער פּאַסטערהיים, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט גוטער באַדינונג. אין צוויי חדשים אַרום האָט דאָס קינד אין גאַנצן זיך געביטן און האָט כמעט אויפגעהערט צו זויגן דעם פינגער.

אין משך פון ערשטן יאָר איז נאָך פאַראַן אַ מעגלעכקייט צו פאַרריכטן אַן אָפּגעשטאַנען קינד, ווען ס אָפּגעשטאַנענקייט איז אַ רעזולטאַט פון וויניק ליבע צו אים. ווען מען גיט אויף אים אַכטונג, איז דאָס קינד שפּילעוודיק. דער מאַמעס צוקומען צום בעטל ווערט באַגעגנט פון קינד מיט אַ שמייכל. עס נעמט גערן זיך שפּילן מיט שפּילצייג. ווען צו אַ קינד פון זעקס חדשים האָט די מוטער אויפגעהערט צו קומען, איז עס אַריינגעפאַלן אין אַ מרה־שחורה. פלעגט ליגן מיטן בייכל אַראָפּ און זיך ניט געשפּילט. אַ פרעמדע פרוי, וואָס איז געקומען זיך שפּילן מיטן קינד, איז דורך אים אויפגענומען געוואָרן ניט פריינטלעך. מען האָט געזען, אַז דאָס קינד בענקט נאָך דער אייגענער מוטער. קומט ניט די מוטער, איז דאָס קינד מרה־שחורהדיק, עסט אָן אַפּעטיט, קריגט עקזעמעס, פאַרלירט וואָג, איז קרענקלעך.

אין אַ רעפאָרם־הויז, ביי אַ יונגער ניט־פאַרהייראַטער פרוי איז געבוירן געוואָרן אַ צווילינג — צוויי מיידעלעך. צוליב פאַר־

שטענדלעכע סיבות האָט זיך די מוטער געפונען אין אַ צושטאַנד פון דעפּרעסיע. צען טעג נאָכן געבורט ווערט איין מיידעלע, צוליב אַ קראַנקהייט, אָפּגעפירט אין שפּיטאָל. נאָך דריי חדשים האָט מען זי צוריקגעשיקט צו איר מאַמען. דאָס צווייטע מיידעלע איז די גאַנצע צייט געווען מיט דער מוטער. נאָך פינף חדשים זיינען די מיידעלעך עקזאַמינירט געוואָרן דורך אַ פּסיכאָלאָג. פיזיש זיינען זיי אַנטוויקלט אין דער זעלבער מאָס, אָבער דאָס קינד, וואָס איז געווען ביי דער מוטער, איז גייסטיק אָפּגעשטאַנען אין פאַרגלייך מיט איר שוועסטערל. „איך האָב ניט געטאָרט האַלטן דאָס קינד ביי מיר אין די חדשים, ווען איך בין געווען דעפּרעסיוו", — האָט די מוטער מודה געווען. צו אַכט חדשים האָט מען די קינדער ווידער עקזאַמינירט. דאָס קינד, וואָס איז געווען קראַנק און האָט זיך גע־פונען אין שפּיטאָל האָט אַרויסגעוויזן אַן אינטעליגענץ־וויפלער פון 110; דאָס קינד, וואָס איז געבליבן ביי דער מוטער — 85. די קינדער זיינען שפּעטער צעשיידט געוואָרן און זיינען ניט געווען מיט דער מוטער. דאָס קינד וואָס איז געווען דריי חדשים אין שפּי־טאָל האָט דערגרייכט אַן אינטעליגענץ־וויפלער פון בלויז 90 און דאָס געזונטע — 110.

אָט איז נאָך אַ ביישפּיל, אויף וויפל ליבשאַפט פון אַ מוטער ווירקט אויף דער אַנטוויקלונג פון קינדער: מען האָט אָבסערווירט ניין און זעכציק קינדער, עופעלעך, אין אַ קינדער־אַנשטאַלט. מוטערס פלעגן ברענגען די ניי־געבוירענע קינדער אַזוי שנעל ווי מעגלעך, נאָך זייער געבורט, און זיי פלעגן פאַרבלייבן אין אַנשטאַלט דריי־פיר חדשים. נאָך דעם האָט אַ שוועסטער איבערגענומען די אויפזיכט אויף די קינדער. יעדע שוועסטער האָט געהאַט אונטער איר אויפזיכט אַ צאָל קינדער. דער באַוועגונגס־פּלאַץ פאַר די קינדער איז געווען אַ באַגרענעצטער, כדי דערמעגלעכן אַ געהע־ריקע אויפזיכט. צוליב היגיענישע באַדינגונגען זיינען די בעטלעך

געוועזן מיט פֿאַרמאַכטע ווענטלעך. דאָס קינד האָט נאָר געקענט קוקן אויף דער סטעליע. ס׳איז פֿאַרצייכנט געוואָרן, אַז ביז די מוטער איז געוועזן מיט זיי און זיי זיינען געוועזן פריי אין זייערע באַוועגונגען און אין קאָנטאַקט מיט דער מוטער, האָבן זיי זיך גוט אַנטוויקלט.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז אין עלטער פון צוועלף מאָנאַטן האָבן זיי אויסגעזען ווי אַכט־חדשימדיקע קינדער. די מערסטע טייל פון די קינדער איז געשטאָרבן אין עלטער פון אַ יאָר. די איבעריקע זיינען געוואַקסן אָפּגעשטאַנענע: קלענער, לויט זייער עלטער, אין וואוקס און ווייניקער אין וואָג. פון די איין און צוואַנציק קינדער אין עלטער פון צוויי אַ האַלב ביז פיר אַ האַלב יאָר האָבן נאָר פינף געקענט גיין אָן זייטיקער הילף; איין קינד האָט געהאַט אַ וואָקאַ־בולאַר פון צוועלף ווערטער, און נאָר איין קינד, פון פיר אַ האַלב יאָר, האָט געקענט בויען פשוטע זאַצן. אַכט פון די איין און צוואַנ־ציק קינדער האָבן ניט געקענט שטיין און גיין; זעקס האָבן ניט געקענט ריידן און עלף האָבן זיך געקענט באַנוצן בלויז מיט צוויי ווערטער. די קינדער זיינען דעריבער געוואַקסן מאַראַנען אָדער אידיאָטן. אין זייערע באַציִונגען מיט מענטשן זיינען אייניקע געווען זייער פריינדלעך; אַ טייל — אינדיפערענט, אָן לעבן; אַנדערע פלעגן ממש ווילד שרייען.

פיזישע דעפעקטן ביי אַ קינד קענען פירן צו גייסטיקער אָפּ־געשטאַנענקייט. ניט לאַנג צוריק פלעגן נאָך קינדער, שטומע אָדער בלינדע פון געבוירן, אויסוואַקסן אָפּגעשטאַנענע. די לאַגע האָט זיך היינט געביטן. דעם שרייבער פון די שורות איז באַקאַנט אַ יידישער מאַן, איצט אין די מיטעלע יאָרן, וואָס איז טויב און שטום, אָבער פאַרנעמט אין וואַשינגטאָן זייער אַ הויכן רעגירונגס־פּאָסטן.

פאָלגנדיקע טאַבעלע אילוסטרירט אויף וויפל די סביבה (עלטערן און היים) ווירקט אויף דער אַנטוויקלונג פון די קינדער:

סביבה	קולטורעלער און סאָציאַלער הינטערגרונט	אינטעליגענץ וויפלער: די ערשטע פיר חדשים	די לעצטע פיר חדשים פון ערשטן יאָר
עלטערנס היים	פּראָפעסיאָנאַלן	133	131
	דאָרפישע באַפעלקערונג	107	108
אינסטיטוציע	נוירסערי	101.5	105
	אונטערגעוואָר־פענע קינדער	124	72

וואָס צו, איז ניט גוט

שלמה איז אַ ייִנגל פֿון ניין יאָר. ער גייט אין צווייטן קלאַס פֿון אַ יידישער אָוונטשול (דערגענצונגס־שול). ער איז געבוירן געוואָרן ביי עלטערן אַ סך יאָרן נאָך זייער חתונה. ער האָט זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט, קיין מאָל זיך ניט געשפּילט מיט די קינדער פֿון זיין קלאַס, זיך ווייניק געחברט מיט זיי. אין שול פֿלעגט אים שטענדיק ברענגען די מאַמע, הגם זיי האָבן געוווינט פֿינף מינוט גאַנג פֿון דער שול. נאָכן לערנען האָט די מאַמע שוין געוואַרט אויף אים, גענומען אים פֿאַרן האַנט און אים געפֿירט אַהיים. האָט די מאַמע פֿאַרשפּעטיקט צו קומען אים נעמען אַהיים, איז ער גע־שטאַנען אין אַ ווינקל פֿון קאָרידאָר אַן אומעטיקער אָדער ער פֿלעגט וויינען: ער האָט מורא אַליין צו גיין אַהיים.

ער איז געווען אַ דורכשניטלעכער תּלמיד. קיין מאָל ניט אויפֿ־געהויבן די האַנט צו ענטפֿערן אויף אַ פֿראַגע. אַז דער לערער האָט אים אויסגערופֿן, האָט ער פֿיל מאָל געוווּסט דעם ענטפֿער, אָבער קיין מאָל אַליין ניט געענטפֿערט.

ווען די לערער האָבן אויפֿמערקזאַם געמאַכט דער מאַמען אויף דער אויפֿפֿירונג פֿון איר קינד האָט זי דערקלערט, אַז שלמהלע איז אַ בן־יחיד, געבוירן אַ סך יאָרן נאָך איר חתונה, ווען זי האָט שוין געהאַט כּמעט אויפֿגעגעבן די האָפֿענונג צו געבוירן אַ קינד; ער איז איר איינציק פֿאַרמעגן, ציטערט זי איבער אים. מען האָט איר דערקלערט, אַז מיט אַזאַ באַציִונג טוט זי ניט קיין טובה ניט זיך און ניט איר קינד. פֿאַרקערט, זי טייט אָפּ אין אים זיין איניצ־יאַטיוו און ער וועט אויפֿוואַקסן אַ נעוראַסטעניק. די מוטער האָט אָבער געטענהט, אַז זי קען אים אַליין ניט לאָזן גיין אין גאַס,

טאָמער װעט מיט אים, חס־וחלילה, טרעפן אַן אומגליקספאַל. קײנע אױפקלערונגען, אַז טויזנטער קינדער גײען אַלײן אין זײערע שולן, אַז אַ ײנגל פון נײַן יאָר מוז קענען אַלײן גײן אין שול און װיסן װי איבערצוגײן פון אײן זײט גאַס אויף דער צװײטער, האָבן ניט געהאָלפן.

געדולד און ליבשאַפט ביים האַדעווען קינדער

שמואל איז שוין צוועלף יאָר אַלט. ער לערנט אין אַ רעליגיעזער טאָגשול. ער איז געבוירן געוואָרן אַ נאָרמאַל קינד, אָבער צום יאָר, און אויך שפּעטער, האָט ער נאָך אַלץ ניט געקענט נאָכמאַכן די קלאַנגען „אַ״, „באַ״, „גאַ״ און ענלעכע. שפּעטער, ווען ער איז עלטער געוואָרן, האָט ער ניט געקענט אַרויסברענגען אַפילו צוויי־טראַפּיקע ווערטער. די מוטער איז אַוועק מיט אים צום קינדער־דאָקטער. עס איז געווען אַ חשד, אַז עפּעס איז געשען דעם מוחל פון קינד ביים געבוירן ווערן. דער דאָקטער האָט רעקאָמענדירט דער מאַמען, צו גיין מיטן קינד צו אַ פּסיכיאַטאָר.

ווען ער איז אָנגעקומען אין שול האָט די מוטער דערקלערט, אַז ער רעדט ניט שאַרף, איז זייער שעמעוודיק, צוריקגעהאַלטן, שפּילט זיך ווייניק מיט קינדער, באַליידיקט זיך אויף יעדער קלייני־קייט, ברעכט אויס אין אַ געוויין, ווען ער שפּירט זיך ניט גוט, אד״גל.

די לערער האָבן באַקומען אַן אָנווייזונג, אַז מען זאָל זיין זייער פאָרזיכטיק מיט שמואלן: אַריינציִען אים אין די שפּילערייען מיט די קינדער; ווען ער ענטפערט אויף אַ פראַגע ניט ריכטיק, — פאָרזיכטיק אים פאַרריכטן און, אויב נייטיק, בעטן איבערחזרן דעם ענטפער; לויבן אים און דערמוטיקן אים אין זיינע אַרבעטן; פרעגן אים, צי ער וויל, אַז ווער ניט איז פון די קינדער זאָל אים אַרויס־העלפן; ריידן מיט אים אין אַ פריינדלעכן טאָן, ווען מען וויל אים מאַכן אַ באַמערקונג.

שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די לערער, וועלכע האָבן פאַרשטאַנען ווי אים צו דערמוטיקן, האָבן אַרויסבאַקומען ביי אים

דאָס מאַקסימאַלסטע, האָבן אים פאַראינטערעסירט אין זיין אַרבעט און ער האָט געגומען מאַכן דערפאָלגן.

אַן עמאָציאָנעל צעשטערט קינד קען ניט מיטגיין מיטן קלאַס, באַנעמט ניט וואָס דער לערער דערקלערט, איז אומרויִק. אַזאַ צושטאַנד קען קומען אין רעזולטאַט פון אַ דורכגעמאַכטער שווערער קראַנקהייט, אָדער אינעם פעריאָד פון געשלעכטלעך רייף ווערן. צו אַזאַ קינד מוז מען האָבן געדולד און מען טאָר אים ניט פאַר־וואַרפן, אַז ער איז פויל און אָפּגעשטאַנען; מען טאָר אים ניט שטראָפן, נאָר דערמוטיקן און ניט דערלאָזן, אַז דאָס קינד זאָל ווערן דערשלאָגן און מוטלאָז. די עלטערן און די לערער דאַרפן פאַרשטיין, אַז אַזאַ צושטאַנד איז נאָר אַ צייטווייליקער, אַז מיט יעדן טאָג קען דאָס קינד ווידער קומען צו זיך און ווערן ווידער נאָרמאַל און אויפנאַמספּעיִק.

די עלטערן און די לערער מוזן געדענקען, אַז אינעם פעריאָד פון געשלעכטלעכן רייף ווערן, סיי ביי יינגלעך, סיי ביי מיידלעך, ווערט דער זכרון אָפּגעשוואַכט, דעריבער איז נייטיק צו האָבן וואָס מער אַסאָציאַציעס אַרום דעם קעגנשטאַנד, וואָס מען לערנט, ווייל וואָס מער אַסאָציאַציעס מיר האָבן וועגן אַ זאַך, אַלץ בעסער פאַר־געדענקען מיר עס.

דעפּרעסיע־שטימונגען זיינען אַן אָפטע דערשיינונג ביי קינדער. זיי האָבן „האַרצווייטיק”, ווען זיי פאַרלירן עפּעס, זיי פאַלן אַריין אין דעפּרעסיע, ווען זיי דאַרפן זיך שיידן מיט אַ קעגנשטאַנד, אָדער מענטשן, צו וועלכן זיי זיינען צוגעבונדן. למשל, אַן עלף־יאָריק מיידל האָט געהאַט אַ ליאַלקע, געמאַכט פון שמאַטעס, מיט וועלכער זי האָט זיך ניט געשיידט אַפילו ביים שלאָפן. ווען מען האָט איר געבראַכט אַ נייע, שיינע ליאַלקע, האָט זי בשום אופן עס ניט גע־וואָלט בייטן אויף דער אַלטער. ווען דאָס קינד איז געשלאָפן, האָט מען צוגענומען די ליאַלקע פון שמאַטעס און איבערגעלאָזן די נייע.

דאָס קינד האָט געוויינט, געוואָלט די שמאַטע־ליאַלקע און ניט גע־וואָלט זיך שפּילן מיט דער נייער. ערשט ווען מען האָט דעם מיידל אָפּגעגעבן די אַלטע ליאַלקע האָט זי זיך באַרויִקט.

עס ווערט דערציילט, אַז פון אַ קינדס הויז האָט זיך אַרויס־געצויגן אַ שכנה, צו וועמען דאָס קינד איז געווען זייער צוגעבונדן. איז עס וואָכנלאַנג אַרומגעגאַנגען אַן אומעטיקס, אין אַ דעפּרעסיווער שטימונג, געשטאַנען ביים שוועל פון צימער ווו די שכנה האָט גע־לעבט און געקוקט אַהין מיט אומעטיקע אויגן.

אַ קינד האָט זיך געפונען אין אַ זומער־וווינונג מיט נאָך קינדער. ער האָט געפילט, אַז שטענדיק זאָגט מען אים, אַז ער איז ניט גערעכט, מען זידלט אים און מען דערנידעריקט אים. האָט ער באַשלאָסן צו אַנטלויפן פון זומער־וווינונג אַהיים, וואָס איז געווען הונדערט מייל ווייט. ער איז אַוועק צו פוס. אָבער נאָך צוויי שעה גיין האָט ער זיך אומגעקערט צוריק, נאָר ניט קוקנדיק אויף דעם, האָט עס אים פאַרט געגעבן אַ טיילווייזע סאַטיספאַקציע און זיין שטימונג האָט זיך געביטן צום גוטן ערשט דאַן, ווען ער האָט זיך סוף זומער אומגעקערט אַהיים צו זיינע עלטערן און ער האָט באַ־געגנט זיינע חברים.

אין אַזעלכע עקסטרעמע פאַלן נעמט זיך דאָס קינד אַריין אין קאָפּ געדאַנקען, אַז עס שטאַרבט אין רעזולטאַט פון אַ קאַטאַסטראָפע אָדער באַגייט גאָר זעלבסטמאָרד: „זאָלן זיי וויסן, די דערוואַקסענע, וואָס זיי טוען מיט מיר, זיי וועלן חרטה האָבן, אָבער עס וועט זיין שוין צו שפּעט", — טראַכט דאַן ביי זיך אַזאַ איינער.

דריי פאַלן פון רעאַגירן אין אַזעלכע סיטואַציעס זיינען פאַראַן ביי קינדער: א) זעלבסטפייניקונג אויס הילפלאָזיקייט קעגן דער סביבה; ב) אַגרעסיע קעגן דער סביבה; ג) פּרובירן זיך העלפן און אַרויסגיין פון דער דעפּרעסיע מיט דער האָפענונג, אַז די סביבה וועט ווערן בעסער.

אינסינואַציע

עס זיינען פאַראַן קינדער וואָס הייבן אָן שפּעט צו גיין. דער דאָקטער קען ניט געפינען קיין אָרגאַנישע סיבה, פאַר וואָס דאָס קינד זאָל ניט גיין. עס קען אָבער טרעפן, אַז די סיבה איז אין די עלטערן, וועלכע ווייזן אַרויס מער אויפמערקזאַמקייט צו אַ ייִנגערן קינד. דאַן וויל דער עלטערער אויך זיין אַ „יונגער" און „קען ניט" גיין.

אַ צען־יאָריק ייִנגל האָט ליב געהאַט נאָכצומאַכן באַוועגונגען און קולות פון חיות. ער האָט עס געטאָן, ווייל ער האָט געוואָלט צוציִען די אויפמערקזאַמקייט צו זיך. בכלל איז ער געווען אַ ניט־געוווּנטשן קינד נאָך בשעתן שוואַנגערשאַפט. די מוטער האָט גע־פּרוווּט מפּיל זיין, אָבער אָן דערפאָלג. נאָכן געבורט פונעם קינד האָט די מוטער געטראַכט, אַז עס וועט זיין אַ קריפּל. דאָס קינד פלעגט זייער אָפט באַקומען וואַרעמקייט, פלעגט אָפט ברעכן, אַרומ־גיין מיט קאָפּווייטיקן, רוקן־ווייטיקן. מען האָט אָבער ניט געקענט אויסגעפינען קיין שום אָרגאַנישע קראַנקהייט. ער פלעגט זיך שפּילן מיט אַנדערע קינדער, נאָר זיין גרעסטער „שונא" איז געווען זיין עלטערער ברודער, וועלכן ער האָט, פון איין זייט, שטאַרק ליב געהאַט און, פון דער אַנדערער זייט, שטאַרק „פיינט" געהאַט. די־אָ „קראַנקהייט" האָט זיך אָנגעהויבן, ווען מען האָט זיי געלייגט שלאָפן אין איין בעט, און דער עלטערער ברודער איז געווען זייער ניט צופרידן פון דעם. ווען מען האָט זיי צעטיילט און זיי זיינען געשלאָפן אין צוויי באַזונדערע חדרים האָט דער ייִנגערער פאַר־לאַנגט, אַז די טיר צום ברודערס חדר זאָל זיין פאַרמאַכט. ער האָט געוואָלט מיט דעם צוציִען די אויפמערקזאַמקייט פון עלטערן ברודער

און אויף אַזאַ אופן אין אים נקמה נעמען. אַ דאַנק אַן אינטענסיוון היילן האָט דער „קראַנקער" ברודער אויפגעהערט צו זיין „קראַנק".

*

שוועריקייטן אין ריידן נעמען זיך פון פאָלגנדיקע סיבות: א) פאַרשפּעטיקונג פונעם עצם פּראָצעס פון אָנהייבן ריידן; ב) פאַר־לענגערונג פון „בייבי־רייד"; ג) צו שנעלער, צו לאַנגזאַמער אָדער ניט שאַרפער ריידן מצד די דערוואַקסענע. ס'קען אויך זיין אַ צייט־ווייליקע פיזישע סיבה, ווי צ"ב דאָס אַרויסנעמען די טאָנזילעס, אָדער עפּעס אַ מויל־באַשעדיקונג. עס קען אויך פּאַסירן, אַז דאָס קינד הערט ווייניק ריידן אָדער מען לערנט אים ניט ריידן. אויך ווען דעם קינד ווערט צו פיל נאָכגעגעבן און מען פאַרשטייט אַלץ אויף זיין ווונק — קען זיין אַ סיבה פאַרן קינד ניט צו פילן קיין באַדערפעניש זיך צו קאָמוניקירן מיט רייד. אָדער ס'טרעפט, אַז ס'ווערט געבוירן אַ ניי קינד, ווען די עלטערן ווייזן אַרויס פיל אויפמערקזאַמקייט, וויל דער עלטערער נאָכמאַכן דעם עופעלע, האָפנדיק מיט דעם צוצוציִען צו זיך מער אויפמערקזאַמקייט מצד די עלטערן.

צעשטערערישע קינדער

צווישן צוריקגעשטאַנענע קינדער זיינען פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן נייגונגען צו אַטאַקירן חברים, צעשטערן זאַכן, ניט פאָלגן די עלטערן און לערער, זאָגן ליגן, גנבענען, צינדן פייער, ניט גיין אין שול. אַ סך נאָרמאַלע קינדער טוען אויך דאָס זעלבע, אָבער אין זייער אַ באַגרענעצטער מאָס. ביי אַנדערע נעמט עס אָן פּאַטאָלאָגישע פאָרמעס.

דאָס קען זיך אָנהייבן ביים קינד אין פאַרשיידענע פּעריאָדן צוליב פאַרשיידענע סיבות. אַ קינד קען זיין אַגרעסיוו סיי אין דער היים און סיי אין שול אַלס רעזולטאַט פון אַ צו שטרענגער באַציִונג צו אים מצד די עלטערן, וועלכע שטראָפן דאָס קינד פאַר יעדע קלייניקייט און האָבן ניט קיין פאַרשטענדעניש פאַר זיינע פאַרלאַנגען אָדער זיי באַציִען זיך צו אים שטרענגער ווי צו אַנדערע קינדער. דאָס זעלבע איז אָנבאַלאַנגט לערער. אַ קינד קען זאָגן ליגן אויס מורא באַשטראָפט צו ווערן פאַר אַן אָפּגעטאָנענער זאַך.

אַ מוטער האָט דערציילט, אַז ווען איר זון האָט איין מאָל צעריסן זיין אָנצוג, האָט ער אים אַריינגעהאָנגען אין שאַף און ניט געוואָלט אָנטאָן, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז די מוטער וועט דערזען דעם צעריסענעם אָנצוג און וועט אים באַשטראָפן. די מוטער האָט שפּעטער דערזען, אַז דער אָנצוג איז צעריסן און געפרעגט דעם זון ווי אַזוי דאָס איז געשען, האָט ער געזאָגט אַ ליגן, אַז ניט ער האָט עס צעריסן, ער האָט אויפגעהאָנגען אין שאַף אַ גאַנצן אָנצוג.

גנבענען קען זיין אַ רעזולטאַט פון ווייניק ליבע; פון ווייניק

דערפֿאָלג ביי אַנדערע קינדער; פֿון וועלן זיך אַרויסווייזן פֿאַר חברים; פֿון וועלן זיך איינקויפֿן כבוד.

צינדן אַ פֿייער קען זיין אַ רעזולטאַט פֿון פֿיינטשאַפֿט צום טאַטן.

ניט גיין אין שול און וויסן פֿון די עלטערן קען אָפֿט מאָל זיין אַ רעזולטאַט פֿון וועלן אַנטלויפֿן פֿון אַ צו שטרענגן לערער, פֿון וועלן אויסמיידן אַ קערפּערלעכע שטראָף (נאָך היינט צו טאָג זיינען פֿאַראַן שולן, ווו מען באַנוצט זיך מיט קערפּערלעכע שטראָפֿן). די־אָ קינדער זיינען אימפּולסיוו און ווייזן ניט אַרויס קיין שרעק אָדער שולדגעפֿילן. אַ סך קינדער טוען עס מיט כוונה, כדי צו „קאָנטראָלירן די דערוואַקסענע", צי זיי האָבן זיי באמת ליב — צי זיי וועלן זיי שטראָפֿן, אָדער ניט.

מיט אַ מיידעלע פֿון אַכט יאָר זיינען געווען דיסציפּלין־שוועריקייטן. דאָס האָט זיך אָנגעפֿאַנגען בעת זי איז נאָך געווען צוויי יאָר אַלט. זי פֿלעגט זיך אויפֿכאַפּן ביי נאַכט מיט קולות און ביי טאָג פֿלעגט זי אויף דער גאַס אַנטלויפֿן פֿון דער מאַמען. צו דריי יאָר האָט זי אָנגעהויבן גנבענען. ביז פֿיר יאָר האָט איר די מאַמע דערנערט מיט פֿלעשלמילך, ווייל קיין אַנדער זאַך האָט זי ניט געוואָלט עסן. דאָס מיידעלע איז געווען קריגעריש געשטימט אין אירע באַציִונגען צו דער מאַמען און פֿלעגט זי „שלאָגן". זי פֿלעגט שטענדיק זאָגן ליגן און גנבענען פֿון פֿריינד און אין קראָמען; זי פֿלעגט זיך אַמפּערן מיט דער לערערין, ווען זי האָט גענומען באַזוכן די שול; פֿלעגט זידלען קינדער מיט שמוציקע אויסדרוקן; האָט שטענדיק געוואָלט האָבן דאָס וואָס אַנדערע האָבן געהאַט.

בעת די ערשטע באַזוכן ביי דער דאָקטערין איז דאָס מיידעלע געווען צעשראָקן, ווייל די מאַמע האָט איר אַלע מאָל געסטראַשעט מיטן דאָקטער. ווען די דאָקטערין האָט איר פֿאַרזיכערט, אַז זי וויל איר העלפֿן, האָט זי ניט געוואָלט גלייבן אַז דאָס איז מעגלעך, ווייל

זי איז, האָט זי געזאָגט, אַ „מאָדנע״ מיידל, „וואָס מאַכט דער מאַמען שטענדיק שרייען אויף מיר״. עס האָבן דאַן אין איר געקעמפט צוויי געפילן: אַן אַגרעסיוו־נעגאַטיווע און גלייכצייטיק פּאָזיטיווע באַציִונג צום דאָקטער. די אַגרעסיווקייט איז ביי איר געווען, ווייל זי האָט ניט געהאַט קיין צוטרוי צו קיינעם צוליב פיל אַנטוישונגען אין פריִערדיקע פאַלן. אַלס רעזולטאַט פון דעם איז זי געווען אין אַ מצב פון אַגרעסיווער זעלבסטפאַרטיידיקונג. אָבער נאָך אַ ריי באַזוכן האָט די דאָקטערין געוווּנען איר צוטרוי. דאָס מיידעלע איז געהיילט געוואָרן, און אויך די מוטער האָט זיך אויסגעלערנט ווי צו באַגיין מיט איר קינד.

שרעקעוודיקע קינדער

שרעקעוודיקע און הכנעהדיקע קינדער ווערן זעלטן געבראַכט צו אַ דאָקטער. זיי זיינען, בדרך כלל, שטיל און די אַרומיקע האָבן פון זיי ניט קיין צרות. די שרעקעוודיקייט נעמט אָפט אָן אַזעלכע פאָרמען, אַז זיי האָבן אַפילו מורא פאַר שוואַכערע פון זיך קינדער. אַזאַ אויפפירונג איז אָפט מאָל באַגלייט מיט אַ טענדענץ צו געפעלן ווערן יעדן איינעם, אַפילו דורך ברענגען זיך אַליין אַלס קרבן, און טאָן פאַרשיידענע אַרבעטן, וואָס זאָלן געפעלן ווערן דעם, ביי וועמען מען וויל אויסנעמען. אין שפילערייען נעמען זיי די ראָלן, וואָס אַנדערע ווילן ניט נעמען. גייט מען אויף אַ פיקניק, וועלן זיי שלעפן די פעקלעך און אויפראַמען נאָכן עסן. אַזאַ קינד רעדט זיך איין: „איך בין ניט צוזיַעבדיק. דאָס איינציקע צו געפעלן ווערן — איז צו טאָן פאַר יענעם וואָס ער דאַרף".

אַ דרייצן־יאָריקער תלמיד איז געווען זייער אַ שרעקעוודיקער און הכנעהדיקער. ער האָט, ווי מען זאָגט, קיין פליג אויפן וואַנט ניט אָנגערירט, ער איז קיין מאָל ניט געווען זיכער מיט זיך און איז אין שול שטענדיק געזעסן זייער שטיל אויף זיין באַנק, האָט ווייניק פאַרשטאַנען און כמעט ניט באַנומען די שמועסן, וואָס פלעגן פאָרקומען אין קלאַס. ווען מען האָט אים געשטעלט אַ פראַגע, האָט ער קיין מאָל ניט געוווּסט דעם ענטפער. און ווען ער האָט אַפילו יאָ געוווּסט, איז ער ניט געווען זיכער, אַז עס איז ריכטיק און דערפאַר מורא געהאַט צו ענטפערן, טאָמער וועלן די קינדער לאַכן פון אים. און דאָס איז געווען אמת, ווייל ווען אַן אַנדער קינד האָט עפעס געזאָגט ניט ריכטיק האָבן עס די איבעריקע שילער ניט באַמערקט. האָט ער אָבער געגעבן ניט קיין ריכטיקע תשובה, האָט

מען פון אים אָפּגעלאָכט. דעם לערערס רעאַגירן אין אַזעלכע פאַלן האָט כמעט ניט געהאַט קיין ווירקונג אויפן קלאַס.

דער דערמאָנטער שילער האָט זיך קיין מאָל ניט קאָמוניקירט מיט די קינדער אויף די הפסקות און ער האָט זיי שטענדיק אָפּגעטראָטן דעם וועג. זיי פלעגן זיך מיט אים רייצן און האָבן אים גערופן „סיסי".

איין מאָל האָבן די קינדער, משמעות, איבערגעכאַפּט די מאָס און האָבן אים צו פיל באַליידיקט. איז ער מיט רוגזה אויף זיי אָנגעפאַלן און זיי געשלאָגן מכות־רצח. פון דאַן אָן האָט זיך זייער באַציִונג צו אים געביטן צום גוטן.

אַ מאָל פּראָטעסטירן אַזעלכע שרעקעוודיקע קינדער, ווען זיי דערפילן, אַז מען נוצט זיי שוין צו פיל אויס. — דאַן וואַקסן זיי אַריבער זייער הכנעהדיקייט, זיי דערפילן אַ שטאָלץ אין זיך, זייער עגאָ־געפיל וואַקסט ; און עס קומט אַ מאָמענט, ווען זיי שטעלן אַ ווידערשטאַנד אויב מען באַליידיקט זיי.

סכיזאָפרעניע און אַנדערע גייסטיקע קראַנקהייטן

בעת אַן אָנפאַל פון סכיזאָפרעניע ביי קינדער, הערן זיי בהדר־גהדיק אָדער מיט אַ מאָל אויף צו ריידן, ווערן צוריקגעצויגן, באַקומען אַן עדיפּוס־קאָמפּלעקס. דאָס קינד קען, וואָס אַן אמת, ווידער נעמען ריידן, אָבער בלייבט סכיזאָפרעניש.

אָט איז אַ מוסטער פון אַ סכיזאָפרעניש קינד:

אַ ניין־יאָריק יינגל פלעגט שרייען:

„איך וויל אַ האַמער צו טויטן מיין בעט. איך בין בייז אויף אים. זי וועט צו מיר ניט קומען מער ביי נאַכט און איך וועל זי דאַרפן גיין זוכן... איך בין בייז אויף מיין מוטער. זי נעמט שפּייז און עסט עס אין בעט... איך האָב אַ ביקס עמעצן צו שיסן און אַ ראַזיר־מעסער אָפּצושניידן מיינע פינגער... איז די ליאַלקע אַ פרוי אָדער אַ מאַן?... דאָס דאַרף זיין אַ סקעלעט... זיי הרגענען מענטשן, שפּרינגען אַרויף און צעבייסן דיך אויף שטיקלעך... מיר האָט זיך געחלומט, אַז אַ פוקס איז מיר נאָכגעלאָפן, בין איך אַראָפּגעפאַלן פון דאַך גלייך אויף מיין קאָפּ און געוואָרן פאַרוווּנדעט. ווען מען ווערט פאַרוווּנדעט און מען כאַפּט זיך אויף, איז זייער פיין און שיין... מיין מוטער האָט מיך ניט ליב... זי האָט מיך ניט געדאַרפט געבוירן. איך האָב געדאַרפט פאַרבלייבן אין איר בויך... איך וויל צוריק אַרויף אויפן הימל פון וואַנען איך בין געקומען"...

פאַלן פון גייסטיקער צעשטערונג ביי קינדער ברענגען אונדז די שוין דערמאָנטע פּראָפעסאָרן מאַסלאָוו און מיטלמאַן:

„אַ צוועלף־יאָריק מיידל, וואָס איז געווען אונטערן אויפזיכט פון אַ פּסיכיאַטאָר, האָט אין עלטער פון צוויי ביז פינף יאָר געליטן פון אַסטמאַטישע אַטאַקעס. די אַטאַקעס פלעגן פאָרקומען אין דער

צייט פון אַפּטע קריגערייען צווישן אירע עלטערן, וועלכע האָבן זיך שפּעטער געגט. זיבן יאָר האָט זי קיין אַטאַקעס ניט געהאַט. אָבער זיי האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן צוליב פאָלגנדע סיבות: ס'האָט איר געאיבלט, ווען זי האָט געזען אין פּאַרק זיך וואַלגערן אַ טויטע וועווערקע; זי האָט געליטן צוליבן ניט האָבן די מענס־טרואַציע; זי האָט שטאַרק געדאַגהט, אַז זי וועט ניט האָבן קיין דער־פאָלג ביי די קינדער אין קלאַס.

בעת די באַזוכן ביים פּסיכיאַטאַר, זיינען אויפגעקלערט גע־וואָרן פאָלגנדע פאַלן: 1) אַסטמאַטישע אַטאַקעס, ווען די יינגלעד האָבן איר ניט מיטגענומען פאַרברענגען; צאָרן קעגן איר ברודער, וואָס האָט איר איבערגעלאָזן אַ צעטעלע מיט מיאוסע ווערטער און אונטערגעשריבן „דיין פריינד — דער מערדער". (בעת זי האָט דעם פּסיכיאַטאַר וועגן דעם דערציילט, האָט זי געהאַט אַן אַטאַקע); 2) נאָך דעם ווי זי האָט געהאַלטן, אַז איר מוטער איז צו איר „זייער פיין", איז זי בייז געוואָרן אויף איר, ווייל זי האָט זיך גוט באַצויגן צו איר ברודער; זי האָט גלייכצייטיק גענומען באַשולדיקן די מוטער פאַרן גטן זיך מיט איר פאָטער; 3) ווידערווילן צום פאָטער, וועלכער האָט זי גענומען צו זיין געליבטער, ווען זי איז אַלט געווען דריי יאָר, און ער האָט ניט געהאַלטן זיינע צוזאָגן בנוגע מתנות צו אירע געבורטסטעג; 4) ווידערווילן צו איר שטיף־פאָטער, צו וועמען זי האָט, אגב, זיך באַצויגן מיט פריינטשאַפט; 5) מורא פאַר אירע קלאַסן־חברטעס אין פאַל פון וועלכן ניט איז אָפּזאָג פון זייער זייט לגבי אירע פאַרלאַנגען און איר שרעק פאַר געשלעכט־פּראָבלעמען.

דאָס מיידל האָט געחלומט, אַז זי איז צעביסן געוואָרן פון אַ קליינעם שטרויספויגל, ווען זי האָט אים געקאָרמעט. דערביי האָט זי באַמערקט: „דער שטרויספויגל האָט זיך באַצויגן צו מיר, ווי איך באַצי זיך צו מיין מאַמען". אין אַ צווייטן חלום איז זי צע־ביסן געוואָרן פון אַ קראָקאָדיל.

די אַסטמע־אַטאַקעס ביי דעם מיידל זיינען פאַרשווּנדן געוואָרן נאָך אַ פיר־חדשימדיקן באַזוך ביים פסיכיאַטאָר. זי האָט אויפגעגעבן איר אַמביציע צו זיין די ערשטע אין איר קלאַס און האָט אָנגעהויבן זיך חברן מיט די איבעריקע יינגלעך און מיידלעך פון שול".

פאַרהאַרטונג פונעם מאָגן אָדער אַ לויזער מאָגן זיינען אָפט אויך אַ רעזולטאַט פון עמאָציאַנעלער צעשטערטקייט.

„אַ מיידל פון זיבן יאָר האָט באַקומען אַ לויזן מאָגן נאָך דעם ווי איר פאָטער איז גענומען געוואָרן אין מיליטער. איר מוטער איז אַלע מאָל געווען זייער שטרענג צו איר און פלעגט ניט לייגן קיין שום אַכט אויף איר. דאָס מיידל איז שטענדיק געווען געשיצט פון איר פאָטער און דעריבער האָט זי זיך איצט געפילט הילפלאָז און פאַרלאָזן.

נאָך אַ ריי שמועסן מיטן פסיכיאַטאָר זיינען די סימפּטאָמען פון איר קראַנקהייט פאַרשווּנדן און זי האָט אָנגעהויבן צונעמען וואָג. אָבער צוויי חדשים שפּעטער, האַרט פאַר איר ברודערס געבורטסטאָג און גלייך ווי איר בעסטער חבר האָט זיך אַריבערגעקליבן אין אַן אַנדער געגנט האָט זי צעקוועטשט איר ברודערס אַ שילדקרויט און אים פאַרברענט. פון דאַן האָט זי באַקומען הויכע טעמפּעראַטור, אַ ווייטיק און געשווילעכץ אין אַ קני און אין אַ האַנטגעלענק, ווידער אַ לויזן מאָגן מיט בלוט, פאַרלאָרן וואָג. מען האָט זי אַריינגעגעבן אין שפּיטאָל, ווו זי האָט איין מאָל אויסגעשריגן צום דאָקטער: „דו ביסט אַ מכשף, זאָלסט געטויט ווערן די מינוט!" ווען דער דאָקטער האָט איר רויִק און מיט פאַרשטאַנד געענטפערט און דערקלערט, אַז ער פאַרשטייט אירע געפילן און וועט אַלץ טאָן, כדי איר צו העלפן און געזונט מאַכן, האָט זי זיך באַרויִקט. זי האָט גענומען עסן, איר לויזער מאָגן האָט זיך איינגעשטעלט, איר טעמפּעראַטור איז געוואָרן נאָרמאַל און זי איז בקרוב אויסגעשריבן געוואָרן פון

שפּיטאָל. אַ חודש נאָך דעם איז געווען אַן איבערחזרונג מיטן מאָגן, ווייל די מאַמע האָט, קעגן איר אייגענעם צוזאָג, אַרויסגעטריבן דעם מיידלס הונט פון הויז.

בעת די וויזיטן ביים פּסיכיאַטאָר איז דיסקוטירט געוואָרן די פּראָבלעם פון דעם מיידלס קעגנערשאַפט צו טאַטע-מאַמעס שלאָפן אין איין בעט, ווי אויך איר באַשעפטיקט זיין מיט דער פּראָבלעם פון די געשלעכט-אָרגאַנען פון מאַן און פרוי און ווי אַזוי זיי אורינירן.

נאָך אַ ריי שמועסן מיטן דאָקטער וועגן איר קעגנערשאַפט צו איר ברודער, איר מורא פאַר דער מוטער, איר דאגה, אַז זי וועט מיט כישוף אַלעמען קראַנק מאַכן און איר שולדגעפיל צוליב דעם, האָט זי אָנגעהויבן זיך צו פאַרבעסערן. זי האָט אָבער געהאַט אַן אַנדערע ערנסטע קראַנקהייט: אַן אינפעקציע אויפן פּוס, וואָס איז געקומען פון דעם וואָס זי האָט שטענדיק דאָרט געריסן די הויט. דאָס מיידל איז קיין מאָל פון אירע קראַנקהייטן ניט אַרויסגעקראָכן. זי פלעגט געזונט ווערן און באַלד ווידער קראַנק ווערן".

די היים און דאָס קינד

מיר האָבן פריִער דערמאָנט, אַז די אַנטוויקלונג פון קינד איז אָפּהענגיק פון דער באַציִונג פון דער מוטער צו אים. מיר ווען עס איצט אויסברייטערן: די דערציִונג פון קינד דורך טאַטע־מאַמע אין דער היים איז זייער וויכטיק. שול און היים דערגענצן איינס דאָס צווייטע. מיר זיינען עדות פון דעם, אַז אָפט מאָל זיינען קינדער גוט אין דער שול און שלעכט אין דער היים. און אַ מאָל איז עס פאַרקערט. דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס דאָס קינד האָט מער ליב די לערער ווי די עלטערן, אָדער פאַרקערט.

לאָמיר ברענגען אַ ביישפיל. פּראָפעסאָר בלאַטס אין זיין בוך „אַנדערסטענדינג די יאַנג טשיילד" (דאָס באַנעמען דאָס יונגע קינד) דערציילט פון זיינער אַ דערפאַרונג: „אַ קינד קוקט זיך צו עפּעס צו אין גאַס מיט גרויס אינטערעס. ער קען זיך פון דעם ניט אָפּרייסן. די מוטער רופט אים אַהיים עסן. ער וויל ניט גיין. שלעפּט אים די מוטער מיט רוגזה און קלעפּ. דאָס קינד כאַפּט אַ שטיק האָלץ און וואַרפט אויף דער מאַמען. די לעצטע הייבט אָן צו שרייען און שלאָגן אים נאָך שטאַרקער. דאָס קינד נעמט יאָמער־דיק וויינען און קען זיך ניט באַרויִקן. די מאַמע הייבט אים אָן קושן און גלעטן. דאָס קינד באַרויִקט זיך. אין דער צייט קומט אָן דער מאַמעס אַ באַקאַנטע. זיי שטעלן זיךביידע ריידן און פאַר־ריידן זיך אַזוי אַ לענגערע צייט. דאָס קינד וואַרט מיט אומגעדולד און קען זיך ניט דערוואַרטן, אַז דער שמועס זאָל זיך פאַרענדיקן. ער הייבט אָן פאָדערן פון דער מאַמען זי זאָל גיין אַהיים. די מאַמע ענטפערט רוגזהדיק, אַז ער זאָל איר אויפהערן דרייען דעם קאָפּ,

אַז ער זאָל האָבן מער געדולד און, דער עיקר, רעספּעקט פאַר דער מאַמען״.

וויפל עוולות איז דאָ די מאַמע באַגאַנגען ? וויפל פעלערן האָט זי געמאַכט ? מיר זעען דאָ אומגעדולדיקייט, אומזיסטע שטראָפן און ניט־קאָנסעקווענטקייט.

אָפּט מאָל הערן מיר פון עלטערן טענות צו קינדער און פאַר־וורפן : „אַלץ, אַלץ ווילן זיי״. די עלטערן באַנעמען ניט, אַז דאָס איז אַ נאָרמאַלע דערשיינונג, אַז קינדער, איבערהויפּט אין עלטער פון צוויי ביז פיר יאָר, זיינען זייער אָפּט צאָרנדיק, אויפגערעגט, ווילן אַלץ פאַר זיך. אַזעלכע עלטערן שטראָפן די קינדער און וואַרפן זיי פאָר, אַז זיי פירן זיך אויף שלעכט. מיט דעם קויפן זיי זיך איין ביי די קינדער בלויז שׂינאה.

פּראָפעסאָר ה. העלצער האָט אויסגעפאָרשט, אַז פון הונדערט „שלעכטע״ קינדער וואַקסן אויס פיר און אַכציק נאָרמאַלע, וואָס זיינען גוט דערצויגן, אויב נאָר די עלטערן פירן זיי ניט איבער און ווייסן ווי מיט זיי זיך צו באַגיין. און עס קען אויך זיין פאַר־קערט : פון הונדערט „פיינע״ און „גוטע״ קינדער וואַקסן אויס נאָר זעקס און צוואַנציק גוט־דערצויגענע, ווייל די עלטערן פירן זיי איבער מיט זייער דערציִונג.

די צייט אַליין, די נאַטור היילט אָפּט מאָל אויס קינדער אַפילו אָן קיין שום דערציִונג. דעריבער איז קלאָר, אַז מיט אַ געהעריקער דערציִונג קען מען דערגרייכן וווּנדערבאַרע רעזולטאַטן. דערצו מוז מען האָבן געדולד און ניט פאַרלאַנגען, אַז דורך נאַכט זאָל דאָס קינד זיך איבעראַנדערשן צום גוטן.

עלטערן — טאַטע און מאַמע — מוזן האָבן איין דרך, איין סיסטעם ביים דערציִען זייערע קינדער. ס׳טאָר ניט דערלאָזט ווערן, אַז דער פאָטער זאָל אָנווענדן איין וועג ביים דערציִען און די מוטער אַן אַנדערן. ס׳טאָר בשום אופן ניט געשען, אַז די מוטער, פילנדיק

זיך אומבאַהאָלפן בנוגע דעם קינד, ניט קענענדיק אים דיסציפּלינירן, זאָל אויסשרייען צו אים: „וואַרט, וואַרט, דער טאַטע וועט קומען, וועט ער שוין דיר פאַר אַלץ באַצאָלן״. דער טאַטע ווערט אַזוי אַרום פאַרוואַנדלט אין אַ סטראַשידלע.

זיין צו שטרענג צו אַ קינד איז פּונקט אַזוי שעדלעך, ווי צו זיין צו מילד. מען מוז דעם קינד געבן צו פאַרשטיין, וואָס ער מעג טאָן און וואָס ניט. אויסער דעם איז זייער שעדלעך, ווען איין מאָל לאָזט מען אַ קינד עפּעס טאָן אַ זאַך און אַן אַנדערש מאָל לאָזט מען אים ניט טאָן די זעלבע זאַך. די עלטערן מוזן אין ענלעכע פאַלן אַרויסווייזן אַ קאָנסעקווענטקייט און אַ שטאַנדהאַפטיקייט און, חוץ מזה, אַן איינשטימיקייט בנוגע דעם קינדס האַנדלונג.

וויכטיק, זייער וויכטיק איז אַרויסצווייזן דעם קינד ליבע. שעדלעך איז אָבער אים אַלץ נאָכצוגעבן און ניט רעאַגירן, ווען דאָס קינד איז אומגערעכט אין זיין האַנדלונג. אַ מאַמע מוז פאַר־שטיין, אַז אין איר קינדס האַנדלונג בנוגע זיינעם אַ חבר קען אויך זיין אומגערעכטיקייט. מוז מען אים עס טאַקטיש און מיט גוטסקייט אויפקלערן; אויב עס לאָזט זיך ניט, מוז מען דאַן באַשטיין אויף גערעכטיקייט, מעג עס דעם אייגן קינד יאָ געפעלן ווערן אָדער ניט.

אַנשטאָט רוגזה — גיט בעסער אַ שמייכל ביים דערקלערן אָדער פאָדערן. מיט אַ קינד דאַרף מען זיין וויציק, שפּילעוודיק; וויל אַ קינד ניט עסן — מאַכט פון דעם אַ שפּיל: „וויפל לעפל איז דאָ אין זופּ? לאָמיר עס ציילן״. מען גיט דעם קינד אַ לעפל זופּ און מען ציילט. און מען דאַרף מאַכן אַזוי, אַז דאָס קינד זאָל טרעפן. איר וועט זען ווי דאָס שפּיל העלפט מער ווי שרייען און זידלען. מען דאַרף געדענקען, אַז דאָס עסן ווערט בעסער פאַרדייעט, ווען מען עסט עס אין אַ פריילעכער שטימונג.

פאַראַן קינדער, וואָס האָבן ליב אויף אַלץ צו זאָגן „ניין״. אַזעלכע קינדער רופן מיר נעגאַטיוויסטן. וואָס טוען און ווי האַנדלען

אַ טייל מאַמעס פון אַזעלכע קינדער? וויסנדיק פון פריִער דעם קינדס נעגאַטיוון ענטפער, זאָגן זיי אָן דעם קינד ניט צו טאָן אַ זאַך, וואָס זיי ווילן, אַז דאָס קינד זאָל עס יאָ טאָן, אָדער פאַרקערט. אַזאַ מאַמע איז צופרידן פון איר המצאה. פון דערציִערישן שטאַנדפּונקט איז עס אָבער זייער שעדלעך. מען דאַרף פאַרלאַנגען פונעם קינד צו טאָן וואָס ער דאַרף טאָן און באַשטיין, אין אַ פיינעם און אַ פריינדלעכן אופן, ער זאָל עס אומבאַדינגט טאָן.

פיל קינדער האָבן ליב צו מייסטרעווען. אויב מען גיט זיי ניט קיין קינדערישע געצייג, וועלן זיי נעמען אַ האַמער אָדער אַן אַנדער זאַך און וועלן קלאַפּן אין אַלץ, וואָס עס וועט זיי קומען אונטערן האַנט. פאַר אַזעלכע קינדער איז אומבאַדינגט וויכטיק צו קויפן קינדערישע געצייג און די נייטיקע מאַטעריאַלן. און מען דאַרף ניט שרייען אויף זיי, אַז זיי ברעכן און שטעכן, נאָר פאַרקערט, זיי לערנען און ווייזן ווי זיך צו באַנוצן מיטן געצייג.

עס זיינען פאַראַן פאַרשיידענע עלטערן: אַזעלכע, וואָס זיינען פריינטלעך צו מענטשן, און אַזעלכע, וואָס זיינען שטענדיק אומצופרידן, שטענדיק „זויער". פרעמדע מענטשן וויכן פון זיי, קערן זיך אָפּ פון זיי, און קיינער וויל ניט האָבן מיט זיי צו טאָן. און טאַקע, צוליב וואָס זיך חברן מיט אַזעלכע ברואים? אייגענע קינדער מוזן אָבער צו זיי אָנקומען. אַזעלכע מענטשן איז שווער צופרידן צו שטעלן און אויך די קינדער קענען זיי ניט צופרידן שטעלן. וואָס אַ קינד טוט, געפעלט זיי ניט. אַנשטאָט אָפּשאַצן דעם קינדס אַן אַרבעט, דערמוטיקן אים, העלפן אים — פאַרקרימען זיי זייערע פנימער, און דאָס קינד הערט פון טאַטן אָדער דער מאַמען: „אַן אַנדערער וואָלט עס בעסער געמאַכט. דו ביסט אַ טויגעניכטס, אַ לא־יוצלח, צו וואָס דו נעמסט זיך פירסטו איבער". אַזאַ מין האַנדלונג, אַזאַ באַציִונג צו אַ קינד הרגעט אים מאָראַליש אָוועק, נעמט

ביי אים צו יעדע איניציאַטיוו און עס שאַפט ביי אים אַ מינדער־ווערטיקייטס־קאָמפּלעקס צו זיך אַליין.

זיכער קענען קינדער איבערפירן זאַכן, וואָס זיי טוען אָדער מאַכן. אפשר קען טאַקע אַן אַנדערער עס בעסער מאַכן, האָט מער פעיִקייטן, האָט, ווי מען זאָגט, „גאָלדענע הענט". מען טאָר עס אָבער אַ קינד ניט פאָרוואַרפן. מען דאַרף ביים קינד אָפשאַצן דאָס וואָס ער קען; מען דאַרף טייער האַלטן זיינע קרעאַטיווע דערגרייכונגען. אויב מען וועט עס ניט טאָן, קען דאָס קינד פאַרלירן זיין חשק עפּעס צו שאַפן, דאָס איז זייער שעדלעך. אַ קינד מוז מען לויבן, איבערהויפּט אין דער אָנוועזנהייט פון פרעמדע, ווייל דאָס הייבט זיין עגאָ.

עס זיינען פאַראַן שווערע קינדער, אַזעלכע וואָס רעגן זיך אויף ביי יעדער קלייניקייט. ווי נאָר עפּעס וואָס, ווי נאָר מען רירט אָן זייער האָנאָר, קוויטשען זיי, וואַרפן זיך אויפן דיל, קלאַפּן מיט די פיס, אַז, הימל עפן זיך. זייערע קולות דערגייען עד לב השמים און קענען אויפוועקן אַ טויטן. זיי טוען עס דערפאַר, ווייל זיי ווילן אויסגיסן זייער כעס פאַר עפּעס, אָדער זיך אָפּרעכענען מיט עמעצן; אָפּט מאָל אויך דערפאַר, ווייל זיי ווילן דערמיט צוציִען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט. אין אַזעלכע פאַלן דאַרף מען זיין וואָס רויִקער, אויספרעגן דעם קינד וואָס ער וויל און אויב מ׳קען אים ניט באַרויִקן, איז איזאָלירן אים אין אַ צווייטן צימער מיט אַן אָנזאָג, אַז ער וועט באַפרייט ווערן דאַן, ווען ער וועט זיך פולשטענדיק באַרויִקן.

מען טאָר ניט דראָען אַ קינד מיט עפּעס און עס ניט אויספירן. אויב די מאַמע זאָגט צום קינד: „וועסט ניט טאָן אַזוי און אַזוי, דאָס און דאָס, וועל איך דיך ניט מיטנעמען אויף אַ שפּאַציר, וועל איך דיר ניט קויפן קיין אייזקרעם", דאַן מוז די מוטער האַלטן וואָרט, זיך האַלטן ביי איר דערקלערונג. מען טאָר, פאַרשטייט זיך,

ניט דראָען קיין קינד מיט עפּעס, וואָס זאָל זיין דעטרימענטאַל פאַר זיין געזונט.

אויב אַ קינד מאַכט אַ היזק מיט אַ ספּעציעלער כוונה, מוז ער באַצאָלן, — אַפילו אָראָפּנעמען פון זיין טאַשנגעלט, כדי צו דעקן דעם היזק. אַזאַ שטראָף איז אַ קאָנסטרוקטיווע.

עלטערן מישן זיך אָפט מאָל צו פיל אין זייערע קינדערס אָנטאָן זיך. אַנשטאָט פאַרצולייגן זיי וואָס אָנצוטאָן, פאָדערן זיי עס פון אים. זיי פאַרגעסן, אַז קינדער האָבן זייער געשמאַק און ווילן זיך אָנטאָן לויט זייער איינזען. באַשטיין און פאָדערן דאַרף מען נאָר אין אַזעלכע פאַלן, ווען דאָס קען שאַטן זייער געזונט. ווען ס׳קומט, למשל, דער פרילינג־סעזאָן, מעג זיין ווי קאַלט אין דרויסן, ווילן קינדער אַרונטערוואַרפן פון זיך זייערע ווינטערדיקע בגדים און זיך אָנטאָן אין מער לייכטערע מלבושים. אין אַזאַ פאַל מוזן עלטערן באַשטיין, אַז דאָס קינד זאָל טראָגן מלבושים צוגעפּאַסט צום וועטער און ניט צום קאַלענדאַר. „בעסער זאָל דאָס קינד ווייגען איידער די מאַמע״ — זאָגט אַ יידיש גלייכווערטל, און דאָס מיינט, אַז פאַרקילן זיך צוליבן אָנטאָן דאַרף מען ניט.

מען מוז קינדער צוגעוויינען לייגן זייערע זאַכן — בגדים, שפּילצייג, ביכער אד״גל אויף אַ באַשטימטן אָרט. מען טאָר אָבער ניט פאָדערן צו פיל קיין פּעדאַנטישקייט. אויב אַ קינד וועט ניט לייגן אויף אַ באַשטימטן אָרט אַ געוויסע זאַך און ניט וויסן שפּעטער ווו עס צו געפינען און וועט צוליב דעם פאַרשפּעטיקן אין שול, וועט ער מיט דעם אַליין שוין ווערן באַשטראָפט. זאָל דאָס קינד פון דערפאַרונג לערנען, אַז ער מוז זיין אין אָרדענונג און זיך איבערצייגן, אַז אומאָרדענונג ברענגט שאָדן און אומאָנגענעמלעכ־קייטן.

טראָגן קינדער אָן אין שטוב שמוץ, מוזן זיי עס אַליין אויפ־ראַמען. דאָס וועט זיי צווינגען אויף להבא צו זיין מער פאָרזיכטיק.

בכלל מוז מען קינדער צוגעוויינען צו ריינקייט. היגיענע איז וויכטיק פֿאַר אַלעמענס געזונט און איבערהויפּט פֿאַר קינדער.

ס'זיינען דאָ קינדער, וואָס האָבן ליב צו מוטשען שטוב־חיות. מוז מען אַזעלכע קינדער דערקלערן, אַז דאָס טוט די חיות וויי. אויב אָבער ווערטער העלפֿן ניט, דאַרף מען, אויף זייער אַ שפּאַסיקן אופֿן, לאָזן פֿילן די קינדער די זעלבע ווייטיקן, וואָס עס האָבן די חיות, און פֿרעגן צי זיי האָבן עס ליב. די קינדער וועלן פֿאַרשטיין דעם שפּאַס און אויפֿהערן צו מוטשען די שטוב־חיות.

אַנדערע מוטערס האָבן אַ טבע אָנצוזאָגן זייערע קינדער ניט צו טאָן דאָס און דאָס, וואָס בדרך כלל האָבן עס די קינדער ליב צו טאָן.

אין אַבֿרהם רייזענס דערציילונג „די דערציִונג" ווערט באַ־שריבן ווי אַזוי אַ מאַמע נעמט מיט זיך איר קינד צו אַ שכנה און זאָגט אים אָן, ער זאָל דאָרטן ניט בעטן קיין עסן, און אויב מען וועט אים פֿרעגן צי ער וויל עפּעס עסן, זאָל ער זיך אָפּזאָגן. די מאַמע גיט אים פֿאַרן אַרויסגיין צו דער שכנה אַ שטיקל חלה, ער זאָל ניט זיין הונגעריק. ווען זיי קומען אָבער צו דער שכנה און די לעצטע לייגט אים פֿאַר אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער, אויבן באַ־שמירט מיט איינגעמאַכטס, קען ער ניט ביישטיין דעם נסיון און נאָך לאַנגע קווענקלעניִשן נעמט ער עס. פֿון דעם קען מען לערנען, אַז בדרך־כלל דאַרפֿן עלטערן אויסמיידן דעם זאַץ: „זאָלסט דאָס ניט טאָן", ניט זייענדיק זיכער, אַז דאָס קינד וועט טאַקע קענען ביישטיין און „דאָס ניט טאָן".

מען טאָר ניט שרעקן קיין קינדער מיט הינט, שדים, מיט „דערציילן דעם טאַטן", „דערציילן דעם לערער" אד"גל.

קינדער וואָס ווילן נאָר יענעמס זאַכן: עס געפֿעלט זיי אַלץ וואָס עס איז דאָ ביי יענעם — איז אַ נאַטירלעכע דערשיינונג.

יענעמס איז שטענדיק בעסער ווי אייגנס. מוז מען אַזעלכע קינדער אויפקלערן די־אָ ענינים און זיין געדולדיק מיט זיי.

קינדער האָבן אָפט ליב צו זאָגן אַ ליגן. אָבער ניט אַלע ליגנס זיינען טאַקע ליגנס אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט. נאָר יענע ליגנס, וועלכע צילן צו ברענגען אייגננוצן אויפן חשבון פון אַ צווייטן, וועלכע האָבן אַ כוונה אָפּצונאַרן יענעם און אים ברענגען שאָדן, זיינען ניט דערלאָזבאַר. אָפט איז דעם קינדס אַ ליגן נאָר אַ פֿאַנטאַזיע. דאָס קינד זאָגט אַ מאָל אַ ליגן, אַ ניט אין גאַנצן פּינקט־לעכע זאַך, כדי מען זאָל אים מער גלייבן, אָן אַ באַשטימטער כוונה — מיר רופן עס „ווייסע ליגנס". מען זאָגט אויך אַ מאָל אַ ליגן צוליב יענעמס נוצן: מען וויל יענעם ניט אָנטאָן קיין עגמת־נפש אָדער ניט באַליידיקן מיט זאָגן דעם אמת. קינדער דאַרף מען לערנען זאָגן דעם אמת, אָבער אויך דערקלערן זיי וואָס עס מיינט אַ „ווייסער ליגן" און וואָס עס מיינט פֿאַנטאַזיע.

מען טאָר ניט „הערשן" איבער קינדער, מען טאָר ניט באַלע־באַטעווען איבער זיי. מען דאַרף זיי לאָזן אַרויסווייזן איניציאַטיוו; קינדער האָבן פיינט, ווען מען האַלט זיי נידעריקער, ניט־דערוואַקסן. פאַרקערט, מען דאַרף אַנטוויקלען ביי זיי זייער זעלבסט־אַקטיווי־טעט, זייער איניציאַטיוו.

פעסטאַלאָצי, פרעבל, רוסאָ, הערבערט ספּענסער א"אַ זיינען ביי דער מיינונג, אַז מען דאַרף מיט קינדער האַנדלען אַזוי, אַז זיי זאָלן אַליין וועלן טאָן זאַכן, אַנשטאָט זיי צו צווינגען עס צו טאָן.

פאַראַן קינדער וועלכע קענען זיך ניט באַשעפטיקן מיט איין זאַך אַ לענגערע צייט. זיי וואַרפן גיך אַוועק איין אַרבעט און נעמען זיך צו אַ צווייטער, וועלכע זיי פאַרענדיקן אויך ניט. אַזוי אויך מיט אַ דריטער אאַז"וו. זיי טוען עס אַזוי, ווייל זיי האָבן ניט, ווי מ'זאָגט, קיין זיצפלייש, אָדער קענען די אַרבעט ניט פאַרענדיקן, ווייל זיי ווייסן ניט ווי אַזוי. מוז מען לערנען די קינדער זיך קענען

קאָנצענטרירן אויף אַ זאַך, כדי עס צו פֿאַרענדיקן. דאָס איז זייער וויכטיק אין טאָג־טעגלעכן לעבן. דאָס קען מען ביי קינדער דערגרייכן ניט מיט פֿאָרוווּרפֿן אָדער געשרייען, נאָר מעטאָדיש: מען מוז קינדער פֿאָרלייגן צו טאָן אַרבעטן לויט זייערע מעגלעכקייטן — סיי פֿיזישע און סיי גייסטיקע. מען דאַרף אַ מאָל אויך העלפֿן אַ קינד אין זיין אַרבעט, באַווייזן ווי עס צו טאָן, ווי בעסער עס אַרויסענדיקן.

צווישן עלטערן און קינדער מוז זיין אַ באַשטימטע דיסטאַנץ, אָבער, ניט קוקנדיק אויף דעם, דאַרפֿן עלטערן און קינדער זיין חברים. די קינדער דאַרפֿן אָבער וויסן, אַז די עלטערן האָבן מער דערפֿאַרונג, ווייסן מערער און צו זייערע עצות איז כדאַי זיך צוצוהערן.

קינדער דאַרף מען אויסלערנען צו קאָאָפּערירן צווישן זיך, בעתן שפּילן זיך און פֿאַרברענגען צוזאַמען, עס מוז זיי זיין קלאָר דער פּרינציפּ פֿון „געבן און נעמען". קיינער טאָר ניט וועלן זיין שטענדיק פֿון „די ערשטע", ניט פֿאָדערן פֿאַר זיך קיין פּריווילעגיעס.

צום באַדויערן זיינען טאַטעס צו אָפֿט פֿאַרנומען מיט זייערע ענינים און זיי האָבן ניט קיין געדולד זיך צו שפּילן מיט זייערע קינדער, זיך אָפּגעבן מיט זיי. טאַטעס מוזן געפֿינען צייט פֿאַר זייערע קינדער; קינדער מוזן זען אין זייערע טאַטעס עלטערע חברים, וועלכע העלפֿן זיי זיך אַנטוויקלען, וועלכע קומען זיי צו הילף אין זייערע פּראָבלעמען, וואָס זיינען פֿאַרבונדן מיט זייער פֿיזישן און גייסטיקן וואַקסן. אָפּפּטרן אַ קינד מיט אַ זאָג „דריי מיר ניט קיין קאָפּ, איך האָב ניט קיין צייט", איז זייער שעדלעך פֿאַר די באַציִונגען צווישן עלטערן און קינדער.

וואָס ווייניקער פּעלערן עלטערן וועלן באַגיין לגבי זייערע קינדער, אַלץ געראָטענער וועלן די קינדער וואַקסן און אַלץ ווייניקער אָפּגעשטאַנען וועלן זיי זיין אין זייער פֿיזישער און גייסטיקער אַנטוויקלונג.

ספּעציעלע שולן פֿאַר דעפּעקטיווע קינדער

דער אידעאַלסטער וועג צו דערציִען אָפּגעשטאַנענע קינדער איז אָפּצוגעבן זיי אין ספּעציעלע שולן. צום באַדויערן זאָרגן נאָך ניט געהעריק אונדזערע רעגירונגען פֿאַר בודזשעטן פֿון די דער־מאָנטע שולן. דער צוזאַמענקום פֿון לערער פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע אין טאָראָנטאָ, זומער 1967, האָט אונטערגע־שטראָכן דעם פֿאַקט, אַז מיר האָבן זייער ווייניק קוואַליפֿיצירטע לערער און זייער ווייניק שולן פֿאַר אָפּגעשטאַנענע קינדער. און ווען מיר וואָלטן שוין געהאַט גענוג אַזעלכע שולן, וואָלטן מיר גע־מוזט עפֿענען לערער־סעמינאַרן אויף אויסצובילדן פּאַסיקע לערער, ווייל ניט יעדער לערער טויג צו דעם.

עס איז שווער זיך אָפּצוגעבן צו פֿיל מיט אַן אָפּגעשטאַנענעם קינד אין אַ נאָרמאַלער שול. אָפּגעשטאַנענע קינדער זיינען, בדרך כּלל, פֿיזיש שוואַך פֿאַר זייער עלטער און הינטערשטעליק אין זייער עמאָציאָנעלער און אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג. אויסער דעם האָבן זיי שוועריקייטן אין מאַניפּולירן, זיינען אָפֿט היפּעראַקטיוו, אימפּולסיוו (אַנדערע פּונקט פֿאַרקערט), שטענדיק אין שרעק, ווייל זיי קענען זיך ניט פֿאַרגלייכן אין די שפּילערייען און אין לערנען מיט די אַנדערע קינדער פֿון זייער עלטער. זייער נערוון־סיסטעם איז ניט רייף און דעריבער זיינען זיי היפּערסענסיטיוו.

יעדער קלאַס האָט זיין פּראָגראַם און פּלאַן, וואָס ער דאַרף דורכגיין אין משך פֿון יאָר. דאָס אָפּגעשטאַנענע קינד קען ניט מיטגיין מיטן קלאַס און דאָס ווירקט אויף אים ניט גוט: עס אַנט־מוטיקט אים, שטעלט אים אַוועק אין אַן אומבאַקוועמער לאַגע לגבי די איבעריקע קינדער. דער לערער אין אַזאַ קלאַס מוז זיין זייער

גענויט, מוז האָבן אַ געהעריקע פּעדאַגאָגישע אויסשולונג, כדי צו קענען אַרויסרופן ביים קינד ליבשאַפט און צוטרוי צו זיך און אַזוי אַרום דערמעגלעכן אויפצוהאַלטן די מאָראַל און זעלבסטווערדע פונעם קינד.

דער לערער פון אַ קלאַס פאַר אָפּגעשטאַנענע קינדער מוז גלייך פון אָנהייב יאָר וויסן דעם כאַראַקטער און די אויפנאַם־פעיִקייטן פון יעדן קינד. יעדעס קינד איז אַ וועלט פאַר זיך; און צו יעדן קינד מוז מען האָבן אַ באַזונדערן צוטריט, אַ באַזונדערן וועג און באַזונדערע מיטלען ווי אים צו געווינען. דאָ מוז מען אויס־מיידן, ווי ווייט נאָר עס לאָזט זיך, דעם פראָנטאַלן מעטאָד. די קלאַסן דאַרפן זיין קליינע, כדי צו קענען זיך אָפּגעבן מיט יעדן קינד, וועלכער דאַרף פילן, אַז דער לערער העלפט אים.

אַזאַ קלאַס קען ניט האָבן קיין קלאָר דעפינירטן פּלאַן פון לערנען אויף אַ גאַנצן שוליאָר. די פּראָגראַמען מוזן זיין צונויפגעשטעלט אויף אַ וואָך אָדער אויף אַ חודש. דער לערער מוז עס אָבער בייטן לויט די דערגרייכונגען פון די קינדער. עס איז אָפט נייטיק צו צעטיילן דעם קלאַס אויף עטלעכע גרופּעס, לויט די פעיִקייטן און נייגונגען פון די קינדער. עס קענען זיך שאַפן אין משך פון יאָר נויטווענדיקייטן פון איבערגרופּירן די קינדער אויפן סמך פון זייערע דערגרייכונגען און אַרויסגעוויזענע אינטערעסן.

ס׳איז אָפט מאָל נייטיק אויסצואַרבעטן די אַרבעטספּלענער צוזאַמען מיט די קינדער, וועלכע שאַצן אַליין אָפּ זייערע פעיִקייטן.

ס׳איז זייער ווינטשנסווערט פעסטצושטעלן די נייגונגען און אינטערעסן פון די קינדער צו דער שולאַרבעט און זייער באַציִונג צו דער סביבה דורך געבן זיי פראַגעס, אויף וועלכע זיי דאַרפן ענטפערן מיט דער הילף פון לערער אָדער עלטערן:

איך קען אָנדרוקן אָדער אָנשרייבן מיין נאָמען;

איך קען אויסלייגן ווערטער;

איך קען דערציילן אַ מעשה לויט אַ בילד;
איך האָב ליב צו הערן מעשיות;
איך קען דערציילן וואָס איך טו;
איך קען אונטערשיידן זאַכן אויף אַ בילד;
איך קען ריידן קלאָר;
איך קען איבערציילן וויפל ייִנגלעך און וויפל מיידלעך עס זיינען דאָ אין קלאַס;
איך קען אָנרופן אַלע זאַכן, וואָס זיינען דאָ אין קלאַסצימער;
איך קען ציילן ביז...;
איך קען רעכענען: צולייגן און אַראָפּנעמען;
איך האָב ליב צו זינגען אד״גל.

פאַרן לערער איז זייער נייטיק צו אָבסערווירן די קינדער, כדי צו וויסן ווי אָנצוגייען מיט יעדן קינד. קינדער בייטן זיך אָפּט. אָט איז אַ מוסטער פון אַזאַ קינד, ווי עס גיט אָן די דערמאָנטע באַומ־גאַרטנער:

ביל, אַ ייִנגל פון ניין יאָר, האָט באַזוכט אַ קלאַס פאַר קינדער פון זעקס ביז ניין יאָר. ער האָט זיך צו ערשט געהאַלטן איזאָלירט פון די איבעריקע קינדער. נאָך אייניקע חדשים האָט ער אָבער אָנגעהויבן זיך צו חברן מיט זיי, נאָר דאָס איז פאָרגעקומען בהדרגה־דיק. פריִער פלעגט ער זיצן אויף אַ קעסטל אין אַ ווינקל פון קלאַס־צימער און רייסן פּאַפּיר אויף קליינע שטיקלעך. ווען דער קלאַס איז אַרויס אין דרויסן, איז ער אויך אַרויס אויפן הויף, זיך אַוועק־געזעצט אויף אַ באַנק פון שפּילפּלאַץ און האָט געגעסן גרינע עפּל, אַז דער לערער זאָל עס ניט זען.

ביל האָט זיך געמאַכט ניט זעענדיק וואָס עס קומט פאָר אין קלאַסצימער, הגם ער איז שטענדיק געלאָפן אויפהייבן אַ שטיקל פּאַפּיר, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן אויפן דיל, אויסגלייכן אַ שטול, וואָס איז ניט געשטאַנען גלייך אָדער אַרונטעררייסן אַ בלעטל פון

בולעטין־טאָוול. צייטנווייז פלעגט ער שרייען, רייסן זיינע בגדים, ברעכן בלייערס און אַפילו שלאָגן די קינדער. אין אַזעלכע שעהען האָט ביל ניט געקענט פאַרטראָגן דעם מוזיק־אַדאַפּטער — מוזיק פלעגט אים מאַכן געשפּאַנט.

אין אָנהייב שוליאַר האָט די לערערין פון בילס קלאַס איינגע־שטעלט געוויסע תקנות פון אויפפירונג. זי האָט זיך באַמיט בילן צוצונעמען פון ערטער, ווו ער האָט געקענט שטערן און האָט אים געגעבן פּאַפּיר אויף צו צערייסן, כדי ער זאָל אַזוי אַרום אויסלאָדן זיין ענערגיע. זי פלעגט אים דערביי זאָגן: „דו ווייסט ווי צו רייסן פּאַפּיר, דו ביסט אַן אויסגעצייכנטער רייסער".

אין משך פון די ערשטע וואָכן פונעם שוליאַר האָט די לערערין איגנאָרירט זיין צעשטערערישע אויפפירונג. ער פלעגט בלייבן אין שול מיט אַן עלטערן תלמיד, ווען דער קלאַס איז געגאַנגען אויף אַ שפּאַציר. ער פלעגט אויך פאַרלאָזן, צוזאַמען מיטן עלטערן תלמיד, דעם קלאַסצימער, ווען ס'פלעגט זיין אַ מוזיק־לעקציע.

מיט דער צייט איז ביל געוואָרן מער אויפמערקזאַם צו דער לערערינס אינסטרוקציעס און געוואָרן מער אַנטשפּאַנט. ער האָט אָנגעהויבן אַרומשפּאַצירן איבערן צימער, ווו קינדער האָבן זיך פאַרנומען מיט מאָלן אָדער צייכענען, און ער האָט אויך גענומען מאַטעריאַל צום צייכענען. ער האָט אָנגעהויבן בעטן, מען זאָל אים לאָזן בלייבן אויף די לעקציעס פון מוזיק און פלעגט אַפילו אונטער־זינגען די מעלאָדיעס פון לידער, זיצנדיק אויף זיין קעסטל אין אַ ווינקל. אויפן שפּילפּלאַץ האָט ער גענומען זיך באַנוצן מיט די הוידעס און זיך אויך גליטשן. עס איז געקומען אַ פּעריאָד, ווען שרייען און טופּען מיט די פיס האָט אָנגעהויבן אים פאַרבייטן דאָס בייסן און רייסן. ער פלעגט זאָגן אָפן: „כ'וועל צעברעכן דעם לאָמפּ; כ'בין משוגע". זיין שרעק פאַר נייע און אומבאַקאַנטע סיטואַציעס איז קלענער געוואָרן; ער האָט אָנגעהויבן צו געטרויען

מענטשן און אַקצעפּטירן די דערקלערונגען וועגן נייע סיטואַציעס. ער האָט אָנגעהויבן גיין מיטן קלאַס אויף עקסקורסיעס. ער האָט זיך גענומען מער חברן מיט די קינדער און זיי באַוויזן זייערע זאַכן, וועלכע ער פּלעגט מאַכן; ער האָט זיך אָנגעהויבן באַטייליקן אין קאָלעקטיווע אַקטיוויטעטן; געוואָרן אַ „לערער" פון זינגען מיט די קינדער א"אַ.

בילס אויפפירונג האָט זיך פיל פאַרבעסערט, ווען די לערערין האָט אים געגעבן פאַרשיידענע קעגנשטאַנדן, וואָס זיינען אים גע־ווען אינטערעסאַנט. די לערערין האָט אָנגעהויבן אויסצואיבן אויף אים אַ דרוק און באַווירקן אים. ער האָט זיך צו איר צוגעבונדן, פלעגט איר האַלטן ביים האַנט, ווען זיי פלעגן גיין שפּאַצירן. ער האָט אָנטייל גענומען מיט די קינדער אין שפּילערייען, אין טאַנצן און געשפּילט אַפילו צום ריטעם אויף אַן אינסטרומענט. ער האָט צוזאַמען מיט אַלע קינדער געגעבן זאַצן, ווען מען האָט קאָלעקטיוו פאַרפאַסט אַ מעשהלע וועגן אַ באַזוך אין אַ געוויסן אָרט. ער האָט פאַרריכט אַ קינד, ווען יענער האָט געמאַכט אַ טעות. ער האָט געקענט ענטפערן אויף דער פראַגע, פאַר וואָס מען דאַרף ווינטער האָבן טאָפּל־פענצטער; געקענט קאָפּירן זיין נאָמען, ציילן ביז זיבן. ער האָט באַנומען די באַגריפן „גענוג", „צו פיל", „אויף", „אונטער" אד"גל. געוווּסט די צייט לויטן זייגער, געקענט געפינען אויפן חודשלעכן לוח די דאַטע, געוווּסט די טעג פון דער וואָך. ער האָט זיך צוגעוווינט צו אַ רוטין און געווען באַקאַנט מיט דער סביבה.

דעפעקטיווע קינדער מוזן האָבן אַ גוט דורכגעטראַכטע און ווי געהעריק אָרגאַניזירטע פּראָגראַם, אויסגעאַרבעט פונעם לערער. די פּראָגראַם קען זיין, ווי שוין געזאָגט פריִער, אַ וועכנטלעכע אָדער חודשלעכע, וואָס זאָל זיך איבערחזרן מיט פאַרשיידענע וואַריאַ־ציעס לויטן פּראָגרעס פון די קינדער. דער לערער דאַרף זיין בויג־זאַם. גייט עפּעס ניט ווי געהעריק — דאַרף ער עס אָפּשטעלן און

פּרובירן אַ צווייט מאָל, אויב ער פילט, אַז דאָס איז פּאַסיק פאַר די קינדער. פיל אַכט דאַרף געלייגט ווערן אויף דער פּראָבלעם פון אַריינוואַקסן פון די קינדער אין דער סביבה.

*

אין די פאַראייניקטע שטאַטן זיינען דאָ קאַרגע זעקס מיליאָן דעפעקטיווע קינדער. יעדן יאָר ווערן, ווי דערמאָנט, געבוירן 126 טויזנט אַזעלכע קינדער. אינעם יאָר 1971 וועלן אין די שטאַטן זיין אַרום זעקס און אַ האַלב מיליאָן דעפעקטיווע קינדער (פּראָ־פעסאָר דזשאָרדזש אַלבי, טראַנס־אַקשאָן, יאַנואַר־פעברואַר 1968).

אין קאַנאַדע זיינען דאָ זעקס הונדערט טויזנט דעפעקטיווע קינדער. יעדן חודש ווערן אין קאַנאַדע געבוירן דרייסיק דעפעקטיווע קינדער ד"ה, אַז 3% פון אַלע ניי־געבוירענע זיינען דעפעקטיווע.

ווי דערמאָנט, זיינען דעפעקטיווע קינדער ניט קיין גייסטיק קראַנקע און ניט קיין פיזיש קראַנקע. זיי דאַרפן זיך דעריבער געפינען ניט אין קיין שפּיטאָלן פאַר קינדער, נאָר אין ספּעציעלע שולן.

צום באַדויערן, האָבן מיר זייער ווייניק שולן פאַר אַזעלכע קינדער און נאָך ווייניקער האָבן מיר געשולטע לערער.

פאַר די זעקס מיליאָן דעפעקטיווע קינדער אין די שטאַטן זיינען פאַראַן ספּעציעלע שולן, וואָס קענען אויפנעמען נאָר פערציק טויזנט. וויפל דעפעקטיווע קינדער עס באַזוכן אין קאַנאַדע ספּעציעלע שולן, איז דעם שרייבער פון די שורות ניט באַקאַנט. נאָר אין טאָראָנטאָ אַליין זיינען דאָ 48.356 דעפעקטיווע קינדער, פון וועלכע נאָר 9.594 לערנען אין ספּעציעלע שולן.

מיר זעען דעריבער, אַז אין דעם רייכסטן לאַנד פון דער וועלט, אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, באַזוכן ספּעציעלע שולן נאָר אַ טייל פון די דעפעקטיווע קינדער, דאָס גלייכן אין טאָראָנטאָ,

די פּאַרטיילונג אין טאָראָנטאָ איז אַזאַ: אין עלטער ביז 5 יאָר — 463; פון 5 ביז 18 יאָר — 6.631; פון 18 יאָר און העכער — 2.500. איבערהויפּט וואַרפט זיך אין די אויגן די נישטיקע צאָל פון קינדער אין עלטער ביז פינף יאָר, וואָס באַזוכן ספּעציעלע שולן.

*

פון דערפאַרונג ווייסן מיר, אַז קינדער אַריינגעגעבענע אין פּאָסטער־היימען צו זעקס חדשים זיינען מער אַנטוויקלט, האָבן אַ גרעסערן אינטעליגענץ־וויפלער, ווי קינדער אַריינגעגעבענע ווען זיי זיינען עלטער; קינדער פון אַ גוטער סביבה זיינען מער אַנט־וויקלט, און וואָס ייִנגער דאָס קינד איז, אַלץ בעסער אַנטוויקלט זיך עס. פּסיכאָלאָגן פון אַ שפּיטאָל פאַר גייסטיק קראַנקע האָבן פעסטגעשטעלט, אַז 25 דערוואַקסענע פּאַציענטן, וואָס זיינען גע־קומען פון זייער שלעכטע היימען, האָבן אין משך פון צוויי יאָר פאַרבעסערט זייער אינטעליגענץ־וויפלער אויף 9.7 פונקטן (פּראָפע־סאָר דזשאָרדזש אַלבי, טראַנס אקשאן, יאַנואַר - פעברואַר 1968).

די שול פאַר דעפעקטיווע קינדער, וואָס דער שרייבער פון די שורות האָט באַזוכט, פאַרמאָגט 373 קינדער אין עלטער פון 5 ביז 18 יאָר. זיי זיינען פאַרטיילט אין 29 קלאַסן, צו 9 - 10 אין אַ קלאַס. ס׳זיינען פאַראַן קלאַסן, וועלכע האָבן צוויי לערער. די קינדער ווערן דאָ דערצויגן אויף אַ אינדיווידועלן אופן. אַ לערער איז באַ־שעפטיקט מיט צוויי קינדער אַ באַשטימטן צייטאָפּשניט, די איבע־ריקע געפינען זיך דאַן אונטער דער אויפזיכט פונעם צווייטן לערער: זיי מאָלן, שרייבן אד״גל. די ידיעות פון די קינדער אין יעדער גרופּע זיינען ניט קיין איינהייטלעכע. זיי ווערן גרופּירט מערסטנטייל לויטן עלטער און ניט לויט זייערע ידיעות.

די אויפגאַבעס פון רעכענען זיינען דער עיקר פון טאָג־טעגלעכן

לעבן: אַ מאַמע שיקט איר קינד אין קראָם עפּעס קויפן פּאַר פופצן סענט און זי גיט אים אַ דאָלאַר. וויפל רעשט דאַרף אים דער קרע־מער געבן? איין יינגל ווייס דעם ענטפער. דער צווייטער ניט. דאַן גיט אים די לערערין אַ דאָלאַר קליינגעלט און הייסט אים ער זאָל איר געבן פופצן סענט און איבערציילן וויפל ס׳איז אים פאַרבליבן. דאָס יינגל ציילט דאָס געלט און קען ניט באַרעכענען. דאַן גיט אים די לערערין 25 סענט און זאָגט אים, אַז ער דאַרף עפּעס קויפן פאַר 7 סענט. וויפל רעשט וועט ער באַקומען? דאָס קען שוין דאָס יינגל באַרעכענען. מען דאַרף נאָך צוגעבן, אַזביידע יינגלעך זיינען אין עלטער פון פופצן יאָר.

קיין זעלבשטענדיקע קאָמפּאָזיציעס קענען די קינדער ניט שרייבן. דאָס בעסטע וואָס עס קען געטאָן ווערן, איז צו שרייבן אַ קאָלעקטיווע קאָמפּאָזיציע — די לערערין שרייבט עס אויפן טאָוול און די קינדער שרייבן אַרונטער.

צוויי קינדער אין עלטער פון דרייצן יאָר לייענען פון זייער ביכל. דאָס איז אַ ביכל פאַרן ערשטן קלאַס פון אַ נאָרמאַלער שול. איינער פון זיי לייענט: „דזשאָן איז געגאַנגען מיט זיין פאָטער״. די לערערין פרעגט דאַן: „ווער איז געגאַנגען מיט זיין פאָטער?״ איין קינד ווייס דעם ענטפער, דאָס אַנדערע ניט.

אין די ספּעציעלע שולן לערנט מען די קינדער שאַרף אַרויס־ריידן ווערטער. מען לערנט זיי אויך פאַרשיידענע אַרבעטן: נייען, פלעכטן, מאָלן אד״גל. יעדן טאָג האָבן עטלעכע קלאַסן צוזאַמען אַ לעקציע פון געזאַנג. די קינדער האָבן עס ליב און מען זעט דאַן אויף זייערע פּנימער אַ שמייכל, וואָס בדרך־כלל קומט ער זעלטן. ביים זינגען פּאַטשן די קינדער מיט די הענט צום טאַקט און ס׳פּאַ־סירט אַז זיי לערנען זיך אויס אויף אויסנווייניק אַ קורץ לידל.

בעת די הפסקות גייען די קינדער אַרויס אין הויף זיך שפּילן.

יעדן טאָג גייען זיי זיך באָדן אין זייער שווימבאַסיין. אייניקע לערנען זיך אַפילו אויס שווימען.

די קינדער אין פאָרשול־עלטער געפינען זיך אין שול טעגלעך צו דריי שעה; די עלטערע קינדער — זעקס שעה.

די מערסטע קינדער, וועלכע וווינען ווייט פון דער שול, ברענגט מען מיט אויטאָס. אַ קליינע צאָל, מער דערוואַקסענע און אַנטוויקל־טע, קומען אַליין מיטן שטאָטישן טראַנספּאָרט. דאָס זיינען קינדער מיט אַ אינטעליגענץ־וויפלער פון 75.

חוץ אַלגעמיינע און ספּעציעלע לימודים פאַר די עלטערע קינדער, לערנען זיי זיך ווי צו גרייטן צום טיש, ווי אויפצוקאָכן טיי, וואַשן און ווישן געפעס, אויסקערן די צימערן אד״גל.

די קינדער חברן זיך צווישן זיך סיי אין שול און סיי אויסער איר. יינגלעך פלירטעווען מיט מיידלעך. אין דעם פּרט זיינען זיי ווי נאָרמאַלע קינדער, הגם זיי ווייסן, אַז זיי קענען ניט חתונה האָבן, ווייל זיי וועלן קיין מאָל ניט דערגרייכן אַ מצב פון קענען אויסהאַלטן אַ משפּחה: זיי וועלן זייער גאַנץ לעבן, מיט גאָר קליינע אויסנאַמען, פאַרדינען זייער ווייניק. זייער העכסטער אינטעליגענץ־וויפלער קען דערגרייכן ניט העכער ווי 75 ־ 80.

טעכנישע שולן

קינדער וועלכע דערגרייכן דעם עלטער פון אַכצן יאָר גייען אַריבער אין אַ מין טעכנישע שול, וווּ מען לערנט נאָר באַשטימטע אַרבעטן. די שול האָט די אויפגאַבע אויסצולערנען די יוגנטלעכע טאָן מיט די הענט ניט־קאָמפּליצירטע און ניט־פּרעציזע אַרבעטן. פון אַ טייל פון אָט־די אַרבעטן מאַכט די שול קליינע פּראָפיטן, צ״ב: אויף קריסטמעס מאַכן די קינדער קאַרטלעך צו פאַרקויפן; די שול נעמט אויך אָן באַשטעלונגען פון פּריוואַטע פירמעס אָנצוקלעפּן פאַרשיידענע עטיקעטן אויף סחורות; פונאַנדערצונעמען פאַרשיידענע טיילן פון צעבראָכענע מאַשינען און די גוטע טיילן אָפּקלייבן, כדי עס ווידער צו ניצן; סאָרטירן פאַרשיידענע פּראָדוקטן לויט זייער גרויס, קאָליר; אַריינלייגן אין קעסטלעך אַ באַשטימטע צאָל פון פּראָדוקטן, קעגנשטאַנדן אד״גל.

די מער פעיִקע יוגנטלעכע באַקומען פון דער שול אַ וועכנטלעכן געהאַלט, וואָס באַטרעפט עטלעכע דאָלאַר. דאָס גיט זיי אַ מין סטאַטוס, אַז זיי זיינען געזעלשאַפטלעך נוצלעכע מענטשן. די פעיִקערע פון זיי ווערן רעקאָמענדירט אויף אַרבעט צו פּריוואַטע פירמעס. די דאָזיקע קענען זיך באַנוצן מיט אַ שרויפן־ציִער, אַ צוועגנגל אד״גל. דאָס איז אַ גרויס גליק פאַר אַזעלכע יוגנטלעכע.

הינטערשטעליקע קינדער

מיר האָבן אין די לעצטע צוויי קאַפּיטלען באַהאַנדלט קינדער, וועמענס אינטעליגענץ־וויפלער איז צווישן 25 און 75. איצט וועלן מיר זיך פאַרנעמען מיט קינדער, וועמענס אינטעליגענץ־וויפלער איז צווישן 75 און 85. אויך די דאָזיקע קינדער נייטיקן זיך אין ספּעציעלער אויפמערקזאַמקייט מצד די לערער, אין פיל ליבשאַפט און פאַראינטערעסירונג מיט זיי מצד די עלטערן, ווייל זיי זיינען הינטערשטעליקע קינדער.

אַ טייל פון זיי זיינען ניט דיסציפּלינירט און שטערן דעם נאָרמאַלן גאַנג פון די לימודים. די פּראָפעסאָרן אַלבערט עדוואַרד טענסלי און ר. גוליפאַרד * רופן אַן אַזעלכע קינדער Educational Subnormal. זייער הינטערשטעליקייט איז אַ פּועל־יוצא פון שלעכ־טער תפיסה, פון אַ פיזישן מום אָדער עמאָציאָנעלער צערודערונג. ס'זיינען פאַראַן קינדער וועלכע זיינען, בדרך־כלל, פיזיש נאָרמאַל, אָן קיין מום. אויסערלעך קען מען אויף זיי גאָרניט דערקענען. אין קלאַסצימער אָבער שטערן זיי דעם לערער בעת די לימודים. פיל פון זיי באַזוכן שלעכט די שול.

ניט שטענדיק קען מען אַזעלכע קינדער האַלטן אין קלאַסצימער, איבערהויפּט ווען דער קלאַס איז אַ גרויסער (מער ווי צוואַנציק קינדער) און דער לערער קען זיך ניט אָפּגעבן צו פיל מיט איינצלנע קינדער. דאַן איז נייטיק פאַר אַזעלכע קינדער צו שאַפן ספּעציעלע קלאַסן, ווו די צאָל תלמידים זאָל זיין אַ קליינע, דער לערער זאָל

---

* "The Education of slow learning children" by A. E. Transley and R. Guliford

זיך קענען אָפּגעבן מיט איינצלנע קינדער, אַרויסהעלפן זיי, כדי זיי זאָלן קענען שפּעטער אָנגיין מיטן קלאַס. אין פיל פאַלן קענען די קינדער בייקומען זייער הינטערשטעליקייט און זיך אַריינפּאַסן אין אַ נאָרמאַלן קלאַס.

אָפט מאָל זיינען ביי הינטערשטעליקע קינדער פאַראַן פאַר־באָרגענע פאַרלאַנגען צו לערנען זיך און דאָס הינטערשטעליקייט קען זיך נעמען פון דעם, וואָס דאָס קינד האָט ניט געהאַט גענוג מוטער־ליבע אין זיין פאַרשול־עלטער אָדער ער האָט געהאַט אַ פיזישן מום (שלעכטע ראיה, שמיעה אד״גל). ווען די סיבות ווערן באַזייטיקט, ווערט דאָס קינד אויפנאַמספּעיִק צו דער לערע אין קלאַס.

דער פּעדאַגאָג און מחבר פון בוך Educating the Subnormal Child, פּ. לאַיד, ברענגט אונדז ביישפּילן פון קינדער וועלכע האָבן, אַ דאַנק דער אויבן דערמאָנטער באַציִונג, דערגרייכט אין משך פון צוויי אַ האַלב ביז פיר יאָר אַן אינטעליגענץ־וויפלער פון 83 אַנשטאָט 72, 88 אַנשטאָט 73 און 89 אַנשטאָט 45.

אַן אויספאָרשונג אין אַ שפּיטאָל פאַר קינדער האָט באַוויזן, אַז פּופּצן קינדער מיט אַ דורכשניטלעכן אינטעליגענץ־וויפלער פון 45, וועלכע זיינען פּאַסיק באַהאַנדלט געוואָרן, האָבן אין אַ קורצער צייט דערגרייכט נאָך ניין פּונקטן אין זייער אינטעליגענץ־וויפלער, אין דער צייט ווען די איבעריקע קינדער האָבן דערגרייכט ניט מער ווי נאָך צוויי פּונקטן; אַכט קינדער פון די פּופּצן האָבן נאָך אַ געוויסער צייט געקענט אָנקומען אין אַ שול פאַר הינטערשטעליקע קינדער אַנשטאָט צו באַזוכן אַ שול פאַר דעפעקטיווע קינדער.

הינטערשטעליקע קינדער האָבן אַ שלעכטן זכרון. ס׳איז אָבער ניט ריכטיק ווען מען מיינט, אַז די רפואה צו דעם איז נאָר איינ־חזרן און איבערחזרן. אמת, די אוראַלטע רוימער פלעגן טאַקע זאָגן: „איבערחזרן איז די מוטער פון לערנען״, אָבער מער וויכטיק איז

דער אופן פון לערנען און ניט דאָס מעכאַנישע איינחזרן. (די פראַגע איז בכלל אַ פּעדאַגאָגישע און גייט ניט אַריין אין די ראַמען פון דער־אַ אַרבעט).

ס׳איז פאַלש צו מיינען, אַז ווייל הינטערשטעליקע קינדער זיינען ווייניקער אינטעליגענט ווי נאָרמאַלע קינדער און האָבן אַ שלעכטן זכרון, איז דאָס איינחזרן און איבערחזרן פאַר זיי דער איינציקער מיטל אויף צו פאַרגעדענקען דאָס געלערנטע. זיכער, אַז ס׳זיינען אויך פאַראַן באַשטימטע זאַכן וועלכע מ׳מוז טאַקע איבערחזרן פיל מאָל, כדי עס צו פאַרגעדענקען, ווי למשל, די כפל־טאַבעלע, אַלגע־בראַישע פאָרמולעס, געאָמעטרישע טעאָרעמעס אד״גל. אָבער דאָס איז כאַראַקטעריסטיש אויך פאַר נאָרמאַלע קינדער.

דעם אינטעליגענץ־וויפלער ביי נאָרמאַלע קינדער מעסטן מיר לויט זייער עלטער. יעדעס קינד האָט זיין מענטאַליטעט־עלטער: וואָס עלטער אַ קינד איז, אַלץ העכער מוז זיין אויך זיין מענטאַ־ליטעט־עלטער. ביי הינטערשטעליקע קינדער איז דער מענטאַלי־טעט־עלטער פיל נידעריקער. ס׳זיינען אָבער פאַראַן הינטערשטע־ליקע קינדער, וואָס אין פיל קעגנשטאַנדן קענען זיי זיך פאַרגלייכן מיט נאָרמאַלע קינדער. דאָס קומט אין רעזולטאַט פון גוטע היימען, ווו זיי ווערן דערצויגן, אָדער זיי האָבן דאָס גליק צו זיין תלמידים ביי לערער, וועלכע ווייסן ווי זיך צו באַגיין מיט הינטערשטעליקע קינדער.

עמאָציאָנעלע אַנטוויקלונג

יעדעס קינד, ווי יעדער דערוואַקסענער, וויל האָבן אָנערקע־נונג. ער וויל אַז אַנדערע זאָלן האַלטן פון אים, זאָלן צו אים האָבן אַ געהעריקע באַציִונג: זיך חברן מיט אים, זיך רעכענען מיט זיינער אַ מיינונג אאַ״וו. אַ קינד וואָס פילט זיך ווי פאַרשטויסן, וועט נאָך מער זיך איינשליסן אין זיך. דאָס קען זיין זייער גורלדיק פאַרן קינד. די היים און די שול מוזן הייבן דעם זעלבסטרעספּעקט פון קינד, מוזן אַלע מאָל אונטערשטרייכן דאָס פּאָזיטיווע אינעם קינד און אַריינגעבן אין אים אַ גלויבן, אַז עס קען און וועט פּראָגרעסירן אין זאַכן, אין וועלכע ער איז הינטערשטעליק. דאָס וועט הייבן דעם עגאָ פונעם קינד.

עלטערן און לערער מוזן זען, אַז די קינדער זאָלן האָבן גלויבן אין זיך, אַז זיי זאָלן ניט זען אין זיך אַזעלכע, וואָס האָבן שטענדיק בלויז דורכפאַלן. דאָס דערשלאָגט זיי און זיי פאַרלירן דעם גלויבן אין די אייגענע כוחות און ווערן פּעסימיסטן. מען מוז זיי דער־קלערן, אַז מיר אַלע לערנען פון באַגאַנגענע פעלערן.

מען טאָר צום קינד ניט האָבן קיין טענות, ווען ער פאַלט דורך אין שול אין אַ געוויסן קעגנשטאַנד. מען דאַרף אונטערשטרייכן זיינע דערגרייכונגען, דאַן ווען ער האָט עס, און איינפלאַנצן אין אים האָפענונג און גלויבן, אַז ביי אַ געהעריקער אָנשטרענגונג וועט זיין אומדערפאָלג זיין אַ צייטווייליקע דערשיינונג. דער עיקר איז דאָס שטרעבן צו פּראָגרעסירן און ניט זיין פּעסימיסטיש. מען דאַרף דעם קינד ברענגען ביישפּילן פון אַנדערע קינדער, וועלכע האָבן זיך מיט דער צייט פאַרבעסערט און זייערע דערגרייכונגען אין

שול זיינען געשטיגן. דער עיקר איז: טאָן דאָס אַלץ, כדי דאָס קינד זאָל דערגרייכן אַ פאַרבעסערונג.

מען טאָר ניט דערלאָזן, אַז קינדער זאָלן זיך איינשליסן אין־זיך און ניט זיין געזעלשאַפטלעך. דאָס קען אָפט טרעפן ביי הינטער־שטעליקע קינדער. זיי הייבן אָן צו לעבן אין אַן אויסגעטרוימטער וועלט. זיי ציִען זיך צוריק פון יעדער חברשאַפט מיט אַנדערע קינדער. אויף די הפסקות, ווען אַלע קינדער שפּילן זיך אין דרויסן, קענען אַזעלכע קינדער בלייבן אַליין אין קלאַסצימער, טאָן אַ באַ־שטימטע אַרבעט אָדער זיצן אַליין אין אַ ווינקל פון שולהויף קוקנ־דיק ווי די אַנדערע קינדער שפּילן זיך. אַזאַ אויפפירונג פון קינדער קען ווירקן אויף זייער גייסטיקן צושטאַנד דעטרימענטאַל און דאַן וועלן זיי מוזן אַנקומען צו פּסיכיאַטאַרישע הילף.

הינטערשטעליקע קינדער האָבן ווייניק געלעגנהייטן זיך אויס־צוצייכענען אין שול, דערפאַר נעמט מען זיי ניט אויף מיט ליבע און אַנערקענונג אין דער היים. זוכן זיי עס אין דרויסן, אויף דער גאַס. זיי זוכן שוין אויס קינדער פון זייער גלייכן און גייען אַפילו אַוועק אויף קרומע וועגן, אַבי צו דערגרייכן זייער ציל.

יעדער איינער, גרויס צי קליין, וויל זיין זעלבשטענדיק, זיך קענען אָנשפּאַרן אויף זיך אַליין, אויף די אייגענע כוחות, ניט דאַרפן אָנקומען נאָך הילף און טובות פון אַ צווייטן. הינטערשטע־ליקע קינדער זיינען אָבער אָפט געצוווּנגען אָנצוקומען צום חסד פון אַ צווייטן. דאַרף מען זיי דאַן לאָזן פילן און געבן זיי צו דער־קלערן, אַז פון זיי אַליין זיינען אָפּהענגיק זייערע דערגרייכונגען. מען דאַרף וועקן ביי זיי דעם געפיל, אַז דורך אָנשטרענגונג, דורך זיין אויפמערקזאַם בעת די לעקציעס וועלן זיי קענען פּראָגרעסירן; מען דאַרף זיי אויפקלערן, אַז אַ צווייטנס הילף אָן אייגענעם ווילן צו לערנען איז גאָרניט ווערט.

ווקס פון קינדס פערזענלעכקייט

מיר דאַרפן נאָכפאָלגן דעם ווקס פון קינדס פערזענלעכקייט ניט ווייניקער ווי מיר פאָלגן נאָך זיין פיזישע אַנטוויקלונג. זיין פערזענלעכקייט האָט אָפט מאָל ווייניק צו טאָן מיט זיינע דער־גרייכונגען אין די לימודים: מען קען זיין אַ גוטער תּלמיד, האָבן גוטע צייכנס אין אַלע קעגנשטאַנדן און ניט האָבן קיין גוטע כאַראַק־טער־שטריכן. דאָס לעצטע דריקט זיך אויס אין האַלטונג לגבי חברים, אין עמאָציאָנעלע רעאַגירונגען (כעס, איפּערזוכט, קינאה אד״גל). כּדי עס צו פאַרשטיין, מוז מען זיין באַקאַנט מיט די באַציִונגען צווישן קינד און עלטערן, צווישן קינד און לערער; מען דאַרף וויסן זיינע איבערלעבונגען אין די פריִערדיקע יאָרן.

מען דאַרף אויך נעמען אין אַכט ווי אַזוי דאָס קינד פירט זיך אויף: צי האַלט ער זיך ריין, צי העלפט ער אין דער היים דער מוטער אָדער דעם פאָטער, צי איז ער פעיִק אָנצונעמען באַשלוסן אין פאַרשיידענע סיטואַציִעס, ווי רעאַגירט ער אין שווערע סיטואַ־ציִעס, האָט ער גלויבן אין זיך, פאַלט ער אַריין אין אַ שווערער שטימונג בעת אַ דורכפאַל אָדער ער פאַרשטייט, אַז אין לעבן קען ניט גיין שטענדיק גלאַט. נעמט ער זיך איבער מיט יענעמס צרות, צי ער זאָרגט נאָר וועגן זיך אַליין, איז ער אָפנהאַרציק אָדער איינ־געשלאָסן אין זיך, צי שטעלט ער גרויסע פאָדערונגען לגבי זיך און אַנדערע. איז ער באַשיידן אָדער האָט ליב זיך צו באַרימען, צי איז ער אַגרעסיוו אָדער לעבט זיך צוזאַמען מיט פריינד, צי גייט ער אויף קאָמפּראָמיסן.

מען מוז געדענקען, אַז הינטערשטעליקע קינדער זיינען גענייגט

צו האָבן גרויסע שוועריקייטן אין זייער גייסטיקן וואַקסן, אַז ביי אַ סך פון זיי אַנטשטייען געוויסע אינפעריאָריטעט־קאָמפּלעקסן: זיינען אומזיכער מיט זיך, זיינען אָנגעשטרענגט, זיינען אָפט אויפגערעגט, קרענקלעך, האָבן העמונגען, לעבן אָפט אין אַן אויסגעחלומטער וועלט.

פאַר אַזעלכע קינדער זיינען נייטיק קליינע קלאַסן, ווו דער לערער זאָל זיך קענען מער אָפּגעבן מיט זיי. די עלטערן מוזן די קינדער פאַרשטיין און געבן זיי וואָס מער ליבע. אַזעלכע קינדער האָבן, דרך אגב, ליב צו זייגן אַ פינגער, זיך קראַצן, פּינטלען מיט די אויגן אד״גל. מוזן די עלטערן זיי אָפּגעוויינען פון זייערע שלעכטע געוווינהייטן ניט מיט געשרייען און ניט מיט פאַרוואָרפן, נאָר מיט ליבשאַפט, מיט פאַרשטענדעניש און מיט פאַרשטיין די סיבות פון זייער צושטאַנד. צו פיל פאָרוואָרפן, צו אָפט דערמאָנען וואָס מען דאַרף ניט טאָן, רעגט אויף דאָס קינד.

די לערער מוזן פאַרשטיין די היים־סביבה פון קינד. דאָ מוזן צו הילף קומען די סאָציאַלע אַרבעטער און שול־פּסיכאָלאָגן. די געמיינזאַמע הײלאַרבעט פונעם לערער און פון דער היים מוז גיין אונטער דער אויפזיכט פון פּסיכאָלאָג. מען דאַרף פאַרשטיין אַז דאָס איז ניט קיין גרינגע אַרבעט, אַז דאָס קען ניט דערגרייכט ווערן פאַר גאָר אַ קורצער צייט.

ס׳זיינען פאַראַן פאַלן, ווען לערער ריידן פּריוואַט מיט אַ קינד. דאָס קינד דערפילט דאַן די נאָענטקייט פון לערער, זיין ליבשאַפט צו אים. דאַן זאָגט ער צו דעם לערער צו זיין גוט. אָבער ווי נאָר דאָס קינד געפינט זיך ווידער אין קלאַסצימער, ווו ער איז אַ טייל פון קאָלעקטיוו, איז ער ווידער ניט־דיסציפּלינירט, שטערט אין דער אַרבעט פון קלאַס. דאָס קומט פון דעם, וואָס דער לערער אין קלאַס טיילט זיין ליבע מיט אַלע קינדער און דאָס דערמאָנטע קינד, וואָס

האָט צוגעזאָגט זיך אויפצופירן גוט, װערט איבערזיכטיק. אין אַזאַ פאַל טאָר דער לערער ניט זיין צו שטרענג צו אים; נאָר מיט טאַקט דאַרף מען אויפמערקזאַם מאַכן אַזאַ קינד אויף זיין אויפפירונג און בשום אופן זיך ניט באַנוצן אין אַזעלכע פאַלן מיט סאַרקאַסטישע באַמערקונגען.

דער עלמאַנט־פּראָיעקט

עלמאַנט איז אַ פֿאַרשטאָט פֿון ניו־יאָרק, וואָס פֿאַרמאָגט אַרום צען טויזנט קינדער אין שולעלטער. די גאַנצע באַפֿעלקערונג באַשטייט פֿון אַרום פֿופֿציק טויזנט נפֿשות.

אין יאָר 1950 האָבן זיך אין עלמאַנט געפֿונען זעקס קינדער, וועלכע מען האָט ניט געקענט דיסציפּלינירן און מען האָט זיי געמוזט אויסשליסן פֿון די שולן. אין די ווייטערדיקע יאָרן, מיט דער פֿאַרגרעסערונג פֿון דער באַפֿעלקערונג, און במילא מיט דער פֿאַרגרעסערונג פֿון דער צאָל קינדער, איז די צאָל פֿון אומדיסציפּלינירטע קינדער דערגאַנגען צו צוויי און צוואַנציק.

דאַן האָט זיך געשטעלט די פֿראַגע: וואָס טוט מען מיט די־אָ קינדער? מען קען דאָך זיי ניט איבערלאָזן אויף הפֿקר. אויך דאָס אַרייַנגעבן זיי אין אַ שפּיטאָל פֿאַר קראַנקע קינדער וועט צו גאָרניט פֿירן; זיי וועלן נאָך ווערן ערגער, ווייל זיי נייטיקן זיך ניט אין קיין מעדיצינישער הילף, נאָר זיי מוזן האָבן אַ פּעדאַגאָגישע דערציִונג צוזאַמען מיט פּסיכיאַטרישע הילף, וואָס פֿירט, געוויינטלעך, צו דער קאָנטראָל פֿון זייערע עמאָציעס און אימפּולסן. ווען דאָס ווערט דערגרייכט, איז מעגלעך צו געבן זיי בילדונג און מיט דער צייט ווערן פֿאַרשוווּנדן ביי זיי זייערע צעשטערערישע נייגונגען. דאָס אַלץ קען אָבער געטאָן ווערן נאָר דורך פּעדאַגאָגן ביי דער אַקטיווער מיטהילף פֿון מעדיקער און פּסיכאָלאָגן. אָבער ווי קענען אַזעלכע קינדער קריגן אַ פּעדאַגאָגישע דערציִונג, אויב זיי געפֿינען זיך ניט, צוליב זייערע צעשטערערישע נייגונגען, אין אַ קלאַסצימער מיט נאָך קינדער?

דאָן איז מען געקומען אין עלמאַנט צו אַ באַשלוס, אַז אַזאַ קינד מוז לערנען אינדיווידועל. אָבער צוליב דעם וואָס דאָס איז אַ צו טייער ביסן, איז באַשלאָסן געוואָרן צו קריגן פאַר די־אָ קינדער פאַסיקע, פּראָפעסיאָנעל־פּעדאַגאָגיש ניט־געשולטע פרויען, וועלכע זאָלן פרייוויליק אָפּגעבן עטלעכע שעה אַ טאָג, כדי זיך צו פאַר־נעמען מיט דער דערציִונג פון אַזעלכע קינדער. די דאָזיקע פרויען וועלן אַרבעטן אונטער דער אויפזיכט פון אַ קוואַליפיצירטן לערער ביי דער מיטאַרבעט פון אַ שולדאָקטער און פּסיכאָלאָג. אין נייטיקע פאַלן וועט קומען צו הילף אויך אַ שול־פּסיכיאַטאָר.

די דאָזיקע פרויען — מאַמעס־לערערינס — מוזן, אין דער ערשטער ריי, געווינען מיט זייער באַציִונג צום קינד זיין צוטרוי צו זיך. דאָס קינד דאַרף ווערן צוגעבונדן צו דער מאַמע־לערערין און פילן איר ליבשאַפט, חברשאַפט און געטריישאַפט. מיט דער צייט קען דאָס צעשטערערישע און אומדיסציפּלינירטע קינד ווערן איינגעהאַמעוועט אין זיין האַלטונג און וועט קענען אויפנעמען די לימודים, וועלכע עס לערנען נאָרמאַלע קינדער. ווען דאָס קינד דערגרייכט צו אַזאַ שטופע, איז מעגלעך אים אַריינצוזעצן אין אַ נאָרמאַלן קלאַס, ווו ער קען אָנגיין מיט אַלע איבעריקע קינדער אין די לימודים. נאַטירלעך, אַז די מאַמע־לערערין דאַרף זאָרגן דער־פאַר, אַז דעם קינדס היים זאָל ניט קאַליע מאַכן דאָס, וואָס די שול פאַרריכט.

די מאַמעס־לערערינס זיינען ווי געהעריק צוגעגרייט געוואָרן צו זייערע אויפגאַבעס און זיינען געשטאַנען אין שטענדיקן קאָנ־טאַקט מיט געשולטע לערער סיי בנוגע דעם מאַטעריאַל וואָס זיי דאַרפן באַאַרבעטן, סיי בנוגע די ספּעציעלע פּראָבלעמען וואָס אַזעל־כע קינדער שאַפן.

אַן אַרבעטסטאָג האָט פאָלגנדיקן פּראָגראַם: די קינדער ווערן געבראַכט אין שול. יעדע מאַמע־לערערין באַגעגנט איר קינד, העלפט

אים זיך אויסטאָן און פירט אים אַריין אין אַ קלאַסצימער, ווו די איבעריקע פון זיינס גלייכן ווערן צונויפגעזאַמלט. אַ פּראָפּעסיאָנעלער לערער פירט דורך די צערעמאָניע פון סאַלוטירן די פאָן; די קינדער לייענען פון טאָוול דאָס אָנגעשריבענע, וואָס האָט צו טאָן מיט עניני דיומא. דאָס אַלץ מעג דויערן ניט מער ווי פופצן מינוט, אָפּהענגיק פון דער אויפפירונג פון די קינדער. נאָך דעם נעמט יעדע מאַמע־לערערין איר קינד און לערנט מיט אים לייענען, שרייבן, רעכענען אד״גל. אין דער צווישנצייט קענען דורכגעפירט ווערן פאַרשיידענע שפּילן, אַ שפּאַציר אאַ״וו. דאָס אַלץ דויערט ביז 10.30. דאַן גייט די מאַמע־לערערין אַריין מיט איר קינד אין עסצימער עסן, וואָס דויערט 15 ־ 20 מינוט, נאָך דעם פאַרנעמען זיי זיך אַ שעה צייט מיט פאַרשיידענע אַקטיוויטעטן. 11.45 גרייט די מאַמע־לערערין צו דאָס קינד צו פאַרלאָזן די שול און פאָרן אַהיים.

אין משך פון פרימאָרגן ווערט די אַרבעט פון דער מאַמע־לערערין קאָנטראָלירט פון אַ פּראָפּעסיאָנעלן לערער, וועלכער גיט איר דירעקטיוון בנוגע אירע לימודים.

ניט יעדן טאָג קומען פאָר די לימודים לויט דער זעלבער שיטה. דאָס איז אָפּהענגיק פון די קינדערס אויפפירונג. ווען די מאַמע־לערערין פילט אַז דאָס קינד איז אָנגעשטרענגט, נערוועז און קען זיך ניט ווי געהעריק קאָנצענטרירן, נעמט זי אים אויף אַ שפּאַציר אָדער פאַרפירט מיט אים אַ שפּיל, ווו ער קען אויסלאָדן זיין ענערגיע. און ווען די מאַמע־לערערין פילט אַז דאָס קינד איז באַרויִקט, קען זי ווידער אָנגיין מיט אים אין די לימודים.

עס זיינען אויך פאַראַן גרופּן־אַרבעט פון אַלע קינדער צוזאַמען: האַנטאַרבעט, געזאַנג, גימנאַסטיק.

פון די באַריכטן פון דער שול איז צו זען, אַז פיל קינדער דערגרייכן אַ שטופּע, וואָס דערמעגלעכט זיי אָנצוהייבן לערנען אין נאָרמאַלע קלאַסן.

ס׳זיינען דאָ קינדער וועלכע קענען זיך בשום אופן ניט אַריינ־פּאַסן אין אַ קלאַס־אַטמאָספער און זיין אונטערגעוואָרפן דער שול־דיסציפּלין. אַזעלכע קינדער זיינען שטענדיק צערודערט. זייער דענקען איז אָפט קעגן דעם שכל הישר. עס פעלט זיי, ווי מ׳זאָגט, אַ קלעפּקע אין קאָפּ. זיי קענען ניט און ווילן ניט אויס־פירן די אינסטרוקציעס פון לערער, זיי קענען זיך ניט צוזאַמענ־לעבן מיט די קינדער פון זייער סביבה, פון זייער קלאַס. עס פּאַסירט, אַז זיי שטעלן זיך פאָר אַז זיי זיינען הערשער און ווילן אַז די איבעריקע קינדער זאָלן אויספירן זייערע באַפעלן. זיי לעבן ניט אין קיין רעאַלער וועלט, זיי זיינען טרוימער. אַזעלכע קינדער, ווי דערמאָנט, רופן מיר אָן סכיזאָפרעניקערס. עס זיינען פאַראַן פאַר־שיידענע סיבות, צוליב וועלכע קינדער ווערן סכיזאָפרעניקערס.

אַזעלכע קינדער קענען זיך ניט קאָנצענטרירן, זייערע געדאַנקען וואַנדערן אַרום. זיי זיינען אין אַ מין עולם התוהו און זיי שטערן דעם קלאַס אָנצוגיין מיט זיין אַרבעט. זיי פּאַסן זיך ניט אַריין אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן. וואָס ווייטער אַלץ מער וואַקסט זייער אָפּגעפרעמדקייט פון די אַרומיקע און זיי שאַפן פאַר זיך זייער אייגן וועלט. לערנען ווילן זיי ניט.

מיר וועלן דאָ ברענגען בקיצור אַלס מוסטערן אייניקע פּסיכיש קראַנקע קינדער — סכיזאָפרעניקערס, וואָס זיינען גענומען געוואָרן פון בוך: „דאָס לערנען דאָס צעשטערטע קינד״ פון דזשאָרדזש ט. דאַנאַון און סאָל ניקטער.

פּ ט י ו ז איז גלייך ביים אָנקומען אין קינדער־גאָרטן דערקענט געוואָרן אַלס פּסיכיש קראַנקער קינד מיט צעשטערערישע נייגונגען. ער איז געווען אַגרעסיוו, היפּער־אַקטיוו, געהאַט אַ פעלערהאַפטע קאָאָרדינאַציע, אַ הערמונג, פלעגט אַריינפאַלן אין שלעכטע שטימונ־גען. ער פלעגט גאָרניט טאָן, פלעגט זיצן, טרוימען און קוקן אין איין פּונקט. זיין אינטעליגענץ־וויפלער איז געווען 132.

די לערערין פון קינדער־גאַרטן האָט אים געשיקט אין אַן אַרטיקער קליניק מען זאָל פעסטשטעלן זיין פסיכישן צושטאַנד. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז ער איז אַ סכיזאָפרעניק. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז כאָטש ער איז אַ שווער קינד, אַקצעפּטירן אָבער די עלטערן זיין אויפפירונג. ער עסט איבערנאַטירלעך אַ סך, אָבער צו פיל שפייזן וויל ער זיך ניט צורירן, האָט ליב שטענדיק זיך צו וויגן, הוידען; ער איז אַ טרוימער; זיינע פאַנטאַזיעס נעמט ער אָן אַלסווירקלעכקייט; חברט זיך ניט מיט קיינעם; אַטאַקירט פיזיש זיין דריי־יאָריק שוועסטערל: שלאָגט זי מכות־רצח אָן קיין שום סיבות, אָן אַ פּאַרוואָס; איז אַליין שטענדיק פול מיט שרעק, אַז מען וויל אים שלעכטס טאָן; קען ביי נאַכט ניט איינשלאָפן און כאַפּט זיך אויף פון שלאָף מיט געשרייען צוליב זיינע חלומות.

זיינע עלטערן האָבן צווישן זיך ניט געלעבט בשלום. האָבן זיך אָפט צעשיידט און זיך ווידער צונויפגעקומען. האָבן אָפט גערעדט אין זיין אַנוועזנהייט וועגן גטן זיך. דאָס אַלץ האָט אויף אים שטאַרק געווירקט.

ווען ער איז אַלט געוואָרן זיבן יאָר האָט מען אים איבערגעגעבן צו אַ מאַמע־לערערין אין דער עלעמענטאַר־שול. די לערערין האָט פון אים געהאַט צו זינגען און צו זאָגן. אָבער נאָך דריי יאָר האָט סטיוו אָנגעהויבן אַרויסווייזן סימנים פון אַ נאָרמאַלן קינד: געקענט אַ לענגערע צייט זיך קאָנצענטרירן ביים לערנען, זיך גענומען חברן מיט אַנדערע קינדער, אויפגעהערט לעבן אין אַן אויסגע־טרוימטער וועלט אד״גל. זיין אינטעליגענץ־וויפלער איז געשטיגן ביז 146. ער האָט זיך אויף אַזוי פיל פאַרבעסערט, אַז מען האָט אים געקענט אַריבערפירן אין אַ נאָרמאַלער שול, הגם ער איז נאָך אַלץ געווען אַ קינד פול מיט פּראָבלעמען. ער איז אָבער שוין אַרויפגע־פירט געוואָרן אויפן דרך־המלך.

קינדער וואָס לעבן איבער זייער שווערע איבערלעבונגען ווערן

אַ מאָל אַזוי צעבראָכן, אַז זיי קענען זיך ניט קאָנצענטרירן אויף אַן אַנדער זאַך ווי נאָר צו קלערן און זיין אַריינגעטאָן אין זייערע צרות. דאָס קען דערפירן צו „הרגענען" דעם נאָרמאַלן לעבנסוועג פונעם קינד, אָפּטייטן זיין קינדהייט.

אַזוי איז געווען די קינדהייט פון דאָנאַלדן. ער איז געווען זייער אַ ליב קינד: אַ שיינער, פלינקער, לעבעדיקער און פריינט־לעכער. ער האָט געקלעפּט צו מענטשן, געווען מיט אַלעמען חבר. אָבער אין קינדער־גאָרטן האָט ער אָנגעהויבן אַרויסווייזן סימנים פון ניט־נאָרמאַלקייט, האָט ניט געקענט זיך צוזאַמענלעבן מיט די קינדער, אַריינפּאַסן זיך אין דער רוטין פון דער אַרבעט. צו אַכט יאָר איז ער געוואָרן אַ פּראָבלעמאַטיש קינד, און דער לערער האָט זיך ניט געקענט קיין עצה געבן מיט אים.

זיין טאַטע־מאַמע האָבן געלעבט צווישן זיך ניט גוט, זיך אָפּט געקריגט און אויסגעלאָזן זייער כעס צו דאָנאַלדן און זיין יינגערן ברודער. מען האָט זיי אָפּט געשלאָגן, ניט אַכטונג געגעבן אויף זיי און זיי געלאָזט אויף הפקר.

די דיסציפּלין אין דער היים איז ניט געווען קיין קאָנסעקווענטע: אַ מאָל האָבן זיי אַ באַשטימטע זאַך יע געמעגט טאָן און אַ צווייטן מאָל האָבן זיי די זעלבע זאַך ניט געטאָרט טאָן, אָפּהענגיק פון דער מאַמעס שטימונג.

שוין אין קינדער־גאָרטן האָט די לערערין געמוזט האָבן פאַר דאָנאַלדן הילף פון אַ פּסיכאָלאָג. ער איז געווען אַ טרוימער, שטענ־דיק פאַרטראַכט, שטענדיק אַריינגעטאָן אין זיך. דער פּסיכאָלאָג און פּסיכיאַטאָר האָבן פעסטגעשטעלט, אַז ער איז אַ סכיזאָפרעניק. זיין אינטעליגענץ־צייכן איז געווען 83. דאַן האָט מען באַשלאָסן אים איבערצופירן אין דער עלמאַנט־שול.

נאָכן אָפּזיין דאָרט אַ פּאָר חדשים איז ער אַריבערגעפירט

געוואָרן אין זיין נאָרמאַלן קלאַס, אָבער גאָר גיך האָט ער זיך ווידער געניייטיקט אין דער עלמאַנט־שול.

דאָנאַלד האָט אָנגעהויבן צו קענען זיך באַהערשן, איינהאַלטן און צוימען זיינע אימפּולסן, זיין אַגרעסיווקייט, פלעגט זיך ניט אַזוי שנעל אויפרעגן. ער האָט געקראָגן מער אינטערעס אינעם לערנען, כאָטש צו ערשט איז אים געגאַנגען שווערלעך, ווייל ער האָט גע־צווייפלט אין זיינע פעיִקייטן און ניט געהאַט קיין גלויבן אין זיך. מיט דער צייט האָט ער זיך געביטן צו גוטן און האָט באַקומען אַן אינטעליגענץ־וויפלער פון 100.

נאָך אַ יאָר צייט איז ער ווידער אַריבערגעפירט געוואָרן אין זיין נאָרמאַלן קלאַס. געהאָלפן האָט אים זייער פיל די מוטערלעכע באַציִונג פון זיין מאַמע־לערערין. צו קיינעם איז ער ניט געווען אַזוי צוגעבונדן און מיט קיינעם איז ער ניט געווען אַזוי זיכער און פריינדלעך, ווי מיט איר.

ד אָ ר אָ איז אַ דאַרינקע מיידעלע, גייט ריין אָנגעטאָן, אָבער די קליידלעך פּאַסן ניט אויף איר און זיי הענגען אַראָפּ פון איר ווי אַ זאַק. אירע האָר זיינען ניט ווי געהעריק פאַרקעמט. זי איז אַ שטיל, צוריקגעצויגן און געשפּאַנט קינד.

דאָראָ איז אין דער משפחה דאָס יִינגסטע קינד. די שול באַ־זוכט זי אָן קיין שום ספּעציעלע שוועריקייטן. טאַטע־מאַמע לעבן ניט־איבעריק בשלום. דער טאַטע איז אַן אַלקאָהאָליקער און איז אָפט אַרבעטסלאָז. די עלטערן זיינען טאָקע פון אייראָפּעיִשן אָפּ־שטאַם, אָבער זיי געפינען זיך אויף די נידעריקסטע שטאַפּלען פון סאָציאַל־עקאָנאָמישן לייטער. די מאַמע איז די הערשערין אין שטוב. זי מוז זייער אָפט גיין אַרבעטן שטובאַרבעט, כדי מפרנס צו זיין די משפחה.

דאָראָ האָט געהאַט שוועריקייטן מיטן ריידן. די מאַמע האָט זיך געווענדט נאָך הילף צו פּסיכאָלאָגן, פּסיכיאַטאָרן, לערער פון

שפּראַך, אָבער כמעט ווי אַן דערפאָלג. צו פינף יאָר, ביים אָנקומען אין קינדער־גאָרטן, האָט דאָרט נאָך ניט געקענט שאַרף ריידן. דאָ האָט מען פעסטגעשטעלט, אַז זי איז אַ גייסטיק קראַנק קינד, האָט אַן אָרגאַנישע מוח־באַשעדיקונג פון געבורט אָן און איז סכיזאָפרעניש.

די ערשטע צייט איז זי אין קינדער־גאָרטן געווען צוריקגעצויגן און זיך מיט קיינעם ניט געחברט. אירע איינציקע נאָענטע זיינען געווען די מאַמע און אַ קעצעלע.

די מאַמע האָט וועגן איר דערציילט, אַז אין די פריִע קינדער־יאָרן איז זי געווען אַ נאָרמאַלע, חוץ דאָס ריידן. ניט געווען קיין שום שוועריקייטן ביים האָדעווען. צו דרייצן חדשים איז זי שוין אָרומגעגאַנגען, צו דריי יאָר האָט זי אַליין געקענט עסן. זי איז שטענדיק געווען געהאָרכזאַם, אַקטיוו, אָבער ניט איבעריק געשיקט. די מאַמע האָט זי פאַרשטאַנען אויפן ווינק — זי האָט געוווּסט וואָס דאָס קינד וויל, אָן ווערטער.

די לערערין פון קינדער־גאָרטן האָט רעקאָמענדירט, אַז דאָרט זאָל בלייבן אויף נאָך אַ יאָר אין קינדער־גאָרטן. אָבער אויך דאָס צווייטע יאָר האָט ניט געבראַכט קיין פאַרבעסערונג. דאַן האָט מען זי אַריינגעגעבן אין עלמאָנט־אַנשטאַלט. די מאַמע־לערערין האָט באַקומען אינסטרוקציעס ווי צו באַגיין זיך מיט דאָראַן און איבער־הויפּט האָט מען איר געהייסן לייגן אַכט אויף אויסצולערנען זי ריידן. אַ צוגאָב־פּראָבלעם איז אויך געווען איר שוואַכע ראיה און שמיעה.

אין דעם עלמאָנט־אַנשטאַלט האָט זי זיך אויפגעהאַלטן אַנדער־האַלבן יאָר. זי האָט זייער גוט פּראָגרעסירט: זי האָט אויפגעהערט צו זשעסטיקולירן, זיך צו באַנוצן מיט פינגער־צייכנס און האָט אָנגעהויבן ביסלעכווייז צו ריידן, הגם איר אויסשפּראַך איז ניט געווען קיין קלאָרע. די מאַמע־לערערין האָט זי געליבט און דער־מוטיקט. דאָרט האָט געקראָגן זעלבסטזיכערקייט, וואָס האָט זי

שטאַרק דערמוטיקט אין לערנען. אָבער צו זיבן יאָר איז איר גייס־טיקע אַנטוויקלונג געווען ווי פון אַ פינף־יאָריק קינד מיט אַן אינ־טעליגענץ־וויפלער פון 82.

אַ דאַנק איר אַנטוויקלונג איז זי אַריבערגעפירט געוואָרן אין אַ נאָרמאַלן קלאַס. ס'איז אָבער געווען נייטיק אַז זי זאָל פאַרזעצן איר לערנען אויך מיט דער מאַמע־לערערין, וועלכע האָט איר צוגע־האָלפן אין די לימודים, אין וועלכע זי איז געווען הינטערשטעליק. אין דער צייט ווען זי פלעגט זיין נערוועז, אָנגעשטרענגט, האָט זי געשטאַמלט, ניט אַרויסגערעדט קלאָר די ווערטער. זי איז געווען הינטערשטעליק אין רעכענען. אָפט געווען צוריקגעצויגן אין איר באַציִונג מיט קינדער און דערוואַקסענע.

*

ניט אַלע קינדער קענען געהאָלפן ווערן אין דעם עלמאָנט־אַנשטאַלט. אַזאַ קינד איז געווען טעד.

גלייך ביי זיין אָנקומען אין קינדער־גאָרטן פלעגט ער ביי יעדער קלייניקייט אויסברעכן מיט ווילדע געשרייען. אַ פסיכיאַטאָר, וועלכער האָט אים באַהאַנדלט, האָט אים געהיילט מיט מעדיקאַמענטן, דאָס האָט אים אַ ביסל באַרויִקט.

ער איז געווען זייער עקסצענטריש. ער האָט אָפט מאָל „גע־שפילט טעאַטער”; זיך געמאַכט פאַר אַ „גוטינקן” און אויסגעבעטן פאַרשיידענע זאַכן וואָס זיינען אים געפעלן געוואָרן. זיין אינטע־ליגענץ־וויפלער איז געווען 85.

אין קינדער־גאָרטן האָט ער זיך געפונען צוויי יאָר, אָבער אַריבערפירן אים אין ערשטן קלאַס איז געווען אוממעגלעך. ער איז אַריבערגעפירט געוואָרן אין עלמאָנט־אַנשטאַלט.

אָבער אויך דאָ איז ממש אוממעגלעך געווען מיט אים אָנצו־גיין. ער האָט געהאַט אַ פאַרברעכערישע נאַטור, און די מאַמע־

לערערין, דער פּראָפעסיאָנאַלער לערער, דער פּסיכאָלאָג האָבן אים ניט געקענט באַהערשן. ער האָט געטאָן וואָס אים האָט זיך געגלוסט. זיין מוטער האָט ניט אָפּגעהיט די מעדיקאַציע, ווייל זי האָט מורא געהאַט אַז מ׳וועט אים פאַרסמען.

ער איז געווען אַזוי דעסטרוקטיוו, אַז מען האָט אים אַריינגעגעבן אין אַ שפּיטאָל פאַר גייסטיק קראַנקע קינדער. אָבער צוליב דעם וואָס די עלטערן זיינען ניט געווען צופרידן מיטן שפּיטאָל און זיך באַקלאָגט, אַז מען טוט פאַר טעדן גאָרניט, איז ער פון דאָרטן אויסגעשריבן געוואָרן. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען אים ווידער אַריינגעגעבן אין שפּיטאָל, ווו ער איז געווען צוויי יאָר צייט. נאָך דעם האָט מען אים ווידער פאַרשריבן אין עלמאָנט־אַנשטאַלט. קיין ישועה האָט עס אים אָבער ניט געבראַכט.

טעדס לעבנס־געשיכטע איז בקיצור אַזאַ: זיין מוטער האָט חתונה געהאַט צו פופצן יאָר. זי האָט געבוירן צוויי קינדער, וועלכע זיינען אויפגעוואַקסן און האָבן פאַרלאָזט דאָס הויז. שפּעטער האָט זי זיך געגט מיטן מאַן. אַ דריטן קינד האָט זי געבוירן אומגעזעצלעך. זי האָט ווידער חתונה געהאַט און פאַרשוואַנגערט מיט טעדן. בעת דער שוואַנגערשאַפט האָט זי געבלוטיקט. פאַרן פאַרשוואַנגערן מיט טעדן האָט זי עטלעכע מאָל מפּיל געווען. נאָכן פאַרשוואַנגערן מיט טעדן האָט זי זיך דערוווסט אַז איר מאַן האָט, אויסער איר, נאָך אַ פרוי. זי האָט זיך מיט אים געגט. זי איז קראַנק געוואָרן. מען האָט איר אַריינגענומען אין שפּיטאָל און איר געמאַכט בלוט־טראַנספוזיעס.

טעד איז געווען איינער פון אַ צווילינג, געבוירן צו זיבן חדשים. ער האָט געוויגן צוויי פונט. זיין צווילינג־ברודער איז צו פיר חדשים געשטאָרבן. טעד איז קראַנק געוואָרן אויף מענינדזשייטיס.

אינטערעסאַנט, אַז טעד האָט אָנגעהויבן צו גיין צו צען חדשים, ריידן צו צוויי יאָר, אָבער נעצן פלעגט ער זיך ביז זיבן יאָר.

„סאַמערהיל“

„סאַמערהיל“ איז אַן עקספּערימענטאַלע קינדערשול אין ענגלאַנד, וואָס עקסיסטירט שוין איבער פערציק יאָר. די שול איז געבויט לויטן פּרינציפּ, אַז דאָס לערנען און דערציִען קינדער קען האָבן נאָר דאַן אַ פּעולה, ווען דאָס לעצטע ווערט געטאָן מיט ליבשאַפט פון די לערער צו די קינדער. די קינדער, פון זייער זייט, דאַרפן אויך ליב האָבן און רעספּעקטירן די לערער. דאָס לערנען דאַרף פאַר זיי ניט זיין קיין מוז, קיין חוב, נאָר אַ פאַרגעניגן. קינדער וואָס ווילן ניט לערנען טאָר מען דערצו ניט צווינגען. קיין שום שטראָף־דיסציפּלין העלפט ניט אַרויסרופן ביי קינדער דרך־ארץ צום לערער און אַ ווילן צו וויסן. מיט אַ געהעריקער טעטיקייט אָבער, אָן שום צוואַנג, וועט דאָס קינד אָנהייבן צו פאַרשטיין, אַז ווו תורה דאָרט איז אויך חכמה.

די שול ווערט אָנגעפירט פון אַ קינדער־ און לערער־פאַרלאַמענט, ווו אַלץ ווערט באַשלאָסן מיט אַ מערהייט שטימען פון אַלע קינדער און לערער. דער פּרינציפּאַל פון שול האָט ביים אָננעמען באַשלוסן געענוי די זעלבע רעכט ווי ס׳האָט אַ תלמיד.

די דערפאַרונג פון דער שול באַווייזט, אַז דער עקספּערימענט ברענגט פיל נוצן, עפנט נייע וועגן און אַנטוויקלט נייע מעטאָדן אין דער קינדער־דערציִונג. דאָס איז געזאָגט אָבער נאָר דאַן, ווען די דערציִונג אין שול גייט האַנט ביי האַנט מיט דער דערציִונג אין דער היים.

אין אונדזער פריִערדיקן קאַפּיטל „הינטערשטעליקע קינדער“ האָבן מיר אונטערגעשטראָכן, אַז עס זיינען דאָ פיזיש נאָרמאַלע

קינדער, מיט אַלע חושים, און דאָך פּאַסן זיי זיך ניט אַריין אין אַ שול־אַטמאָספער. זיי זיינען ניט געבוירן געוואָרן מיט קיין שלעכטע כאַראַקטערן, זייער אויפפירונג איז אָבער געווען אַ שלעכטע. אַזעל־כע קינדער, האָבן מיר אונטערגעשטראָכן, קענען געהיילט ווערן סיי מצד די לערער און סיי מצד די עלטערן.

א. ס. ניעל, דער פּרינציפּאַל פון „סאַמערהיל" און מחבר פונעם בוך מיטן זעלבן נאָמען ברענגט אונדז אַ שלל מיט ביישפּילן פון קינדער מיט פאַרברעכערישע נייגונגען, וואָס זיינען אָנגעקומען צו אים אין דער שול און זיינען דאָרט געוואָרן נאָרמאַלע קינדער און גוטע תלמידים.

צו אונדזער גרויסן באַדויער האָבן מיר נאָך היינט צו טאָג זייער אַ גרויסע צאָל לערער וואָס שטייען אויפן שטאַנדפּונקט, אַז קערפּערלעכע שטראָפן זיינען נייטיק כדי צו דערציִען קינדער. ווועלן מיר ברענגען אייניקע ביישפּילן, וואָס א. ס. ניעל גיט אונדז אין זיין בוך „סאַמערהיל", ווו ער באַווייזט אונדז ווי קינדער ווערן אויסגעהיילט פון זייערע פאַרברעכערישע מעשים נאָר מיט גוטן.

אין קאַפּיטל „גרויזאַמקייט און סאַדיזם" דערציילט אונדז ניעל:

אַ מוטער האָט געגעבן איר דרייצן־יאָריקן זון דזשאָן, וואָס איז געווען אַ תלמיד אין „סאַמערהיל", אַ הינטל אַלס מתנה. דזשאָן האָט געמאַטערט דאָס הינטל און גערופן אים „דזשים". דאָס איז געווען דער נאָמען פון זיין ייִנגערן ברודער, וועלכן די מאַמע האָט מער ליב געהאַט ווי אים, דזשאָנען.

איין מאָל האָט דזשאָן געשלאָגן דאָס הינטל. ניעל איז צוגעג־גאַנגען צום הינטל און געזאָגט: „העלאָ, דזשים!" פון דאַן האָט דזשאָן אויפגעהערט צו שלאָגן און שלעכט באַהאַנדלען דאָס הינטל. ניעל באַמערקט דערביי, אַז ער האָט ניט אויסגעהיילט מיט דעם דזשאָנס סאַדיזם, אָבער פרייע, צופרידענע קינדער זיינען, בדרך־כלל, ניט קיין גרויזאַמע.

אין קאַפּיטל „קרימינאַליטעט” דערציילט ניעל, אַז איינער פון זיינע ניין־יאָריקע קינדער האָט זיך געשפּילט און געברומט צו זיך: „איך וויל טויטן מיין מוטער”. די סיבה פון זיין ברומען איז געווען, ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, וואָס זיין מוטער האָט אים ניט ליב געהאַט און פלעגט דעריבער זייער זעלטן קומען זיך זען מיט אים. דערביי באַמערקט ניעל: „אויב מען קען ניט קריגן קיין ליבע, קריגט מען שׂינאה”. און שׂינאה, ווי מיר ווייסן, קען דערפירן צו פאַר־ברעכן.

אַן אַנדער ניין־יאָריקער תּלמיד האָט געהאַט אַ פאַביע פאַר סם: ער האָט מורא געהאַט, אַז זיין מאַמע וועט אים פאַרסמען און האָט געהאַלטן דעריבער אין איין נאָכקוקן יעדן איינעם, ניט נאָר די מוטער, צי מען וויל ניט אַריינטאָן קיין סם אין זיין עסן. זיין מוטער האָט מער ליב געהאַט זיין ברודער. האָט ער זיך אַרומ־געטראָגן מיטן געדאַנק צו פאַרסמען זיין ברודער צוזאַמען מיט דער מאַמען.

*

יעדעס קינד איז אַן עגאָיסט. ווען זיין עגאָ איז ניט באַפרידיקט, קען ער ווערן אַ פאַרברעכער. ווערט זיין עגאָ באַפרידיקט, איז ער פול מיט גוטסקייט. יעדעס קינד וויל זיין באַוווּנדערט און באַ־ליבט, אַנדערש איז ער פול מיט שינאה און מערדעריי־פאַנטאַזיעס.

קליינע קינדער האָבן ניט דעם באַגריף פון „מיין” און „דיין”. טראַכטן זיי ניט איבער, ווען זיי נעמען צו פרעמדע זאַכן. ביי זיי הייסט עס ניט געגנבעט. אַזאַ לאַגע דויערט ביי זיי ביז זיי ווערן סאָציאַל און געזעלשאַפטלעך רייף. ביז דאַן ווייסן זיי ניט וואָס עס מיינט גנבענען. מען דאַרף געדענקען, אַז צופרידענע יוגנטלעכע ווערן קיין מאָל ניט קיין גנבים.

אין „סאַמערהיל״ זיינען יוגנטלעכע גנבים קיין מאָל ניט באַ־שטראָפט געוואָרן. גוטמוטיק און געלעגנהייטלעך איז זיי וועגן דעם באַמערקט געוואָרן. די דערפאַרונג האָט באַוויזן, אַז דאָס האָט זיך אָפּגעצאָלט. נאָר פאַרדאָרבענע קענען זיך ניט אויסהיילן פון דעם. די לעצטע זיינען איבערהויפּט די, וואָס האָבן אַן אומגליקלעכע קינד־הייט און פירן אַן אומצופרידן לעבן. זיי קענען זיין פון די רייכסטע הייזער, ווען מען עס פעלט גאָרניט פון מאַטעריעלע באַדערפענישן, אָבער זייערע געפילן זיינען ניט באַפרידיקט, זייער געמיט־צושטאַנד איז אַ קראַנקהאַפטער. ביי אַזעלכע ווערט אויך אַנטוויקלט קלעפּטאָ־מאַניע.

דערציילט ניעל אַזאַ געשיכטע: „איך האָב געהאַט אַ תּלמיד אין מיין שול, וועלכער איז געווען אַן אמתער שוליער. איין מאָל באַקום איך אַ טעלעפאָן פון ליווערפול: „דאָס רעדט מיסטער איקס (אַ באַוווסטער נגיד אין ענגלאַנד). איך האָב מיינעם אַ פּלימעניק אין אייער שול. ער הייסט אַרטור. וויל איך, אַז ער זאָל קומען צו מיר אויף אַ פּאָר טעג. קענט איר דאָס אים דערלויבן?״

„יאָ, — האָב איך געענטפערט — אָבער ער האָט דאָך ניט קיין געלט אויף רייזע־הוצאות. זאָלן זיינע עלטערן צו מיר אָנטעלע־פאָנירן״.

„אויף מאָרגן האָט זיין מוטער מיר אָנגעקלונגען און געבעטן איך זאָל אים לייען צוויי פונט מיט צען שילינג. דער בילעט אַליין קאָסט אַכט און צוואַנציק שילינג. שפּעטער האָב איך זיך דערוווסט, אַז אַרטור האָט אימיטירטביידע שטימעס — פון פעטער און פון דער מאַמען. איך האָב עס דערציילט מיין פרוי און מיר האָבן באַשלאָסן אים צו געבן מער געלט אַפילו, ווי זיין „מאַמע״ האָט כלומרשט געבעטן״.

„אין אָוונט בין איך צוגעגאַנגען צו אַרטורס בעט און אים גע־זאָגט: איך האָב נאָר וואָס באַקומען אַ טעלעפאָן פון דיין מוטער.

זי האָט מיר געבעטן געבן דיר נאָך צען שילינג, ווייל דער בילעט קאָסט ניט קיין אַכט און צוואַנציק שילינג, נאָר אַכט און דרייסיק שילינג. איך האָב אים דערלאַנגט די צען שילינג און גלייך אַוועק פון אים".

„אַרטור איז אַוועקגעפאָרן אין ליווערפּול און איבערגעלאָזט פאַר מיר אַ בריוו בזה הלשון: „טייערער ניעל, איר זייט נאָך אַ גרעסערער אַקטיאָר ווי איך בין. שפּעטער, ווען ער האָט זיך צוריק־געקערט, האָט ער אַ לאַנגע צייט געהאַלטן מיר אין פרעגן פאַר וואָס איך האָב אים געגעבן נאָך צען שילינג".

„איין מאָל האָב איך געפרעגט אַרטורן: ווי האָסטו זיך געפילט, ווען איך האָב דיר געגעבן די צען שילינג? נאָך אַ קורצן שווייגן האָט ער געענטפערט: דאָס איז געווען מיין גרעסטער שאָק אין מיין לעבן. איר זייט דער ערשטער מענטש, וואָס איז געווען אויף מיין זייט".

די געשעעניש האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו ווירקן אויף אַרטורן און ער האָט זיך גענומען בייטן צום גוטן.

ניעל ברענגט אין זיין דערמאָנטן בוך אייניקע ביישפּילן, ווי אַזוי מען דאַרף ריידן מיט קינדער. אין שול איז געווען אַ פּראָבלעמאַטיש קינד. די עלטערן האָבן געבעטן ניעלן, ער זאָל גיין מיטן קינד צו איינעם אַ באַוווסטן פּסיכיאַטאָר. ניעל האָט אַזוי געטאָן, אָבער פריער, פאָרן באַזוך, האָט ער אינפאָרמירט דעם פּסיכיאַטאָר וועגן קינד. ווען זיי זיינען אַריין צו אים, האָט ער געזאָגט: „מיסטער ניעל זאָגט, אַז דו ביסט אַ שלעכטער קינד". דער־אָ איינציקער זאַץ האָט געהאַט אַ געוואַלדיקע השפּעה אויפן קינד און געווירקט אויף אים דעטרימענטאַל.

די היטלער־עפּאָכע און דאָס יידישע קינד

מיר האָבן דערמאָנט וועגן דער ווירקונג פון דער סביבה אויף דער געשטאַלטיקונג פון קינד. די היטלער־עפּאָכע האָט זיכער גע־האַט אַ גרויסע נעגאַטיווע ווירקונג אויפן יידישן קינד. ערנסט פּאַפּאַנעק אין זיין אַרבעט „די יידישע יוגנט נאָכן חורבן״ (ייוואָ־בלעטער״ ב׳ 31־32, ניו־יאָרק, 1948) שרייבט: „זי (די גרופּע) באַ־שטייט פון קינדער, וואָס זיינען ניט געווען גענוג מזלדיק צו ליידן בלויז פון פאַרמלחמהדיקן טעראָר, בלויז אָפּגעריסן צו ווערן פון זייערע עלטערן, זייערע פריינד, זייער היים און צו געפינען אין עמיגראַציע זייער אויסלייז פון ווערן געפּייניקט פון הונגער, קעלט און נויט. די דאָזיקע גרופּע איז געווען אויסגעשטעלט צו די פּחדים פון די גאַזקאַמערן, געזען ווי מען האָט אומגעבראַכט זייערע אייגענע; זיי האָבן געאַרבעט שקלאַפן־אַרבעט און האָבן כסדר גע־ליטן הונגער און קעלט. חוץ די טויזנטער, וואָס זיינען קערפּער־לעך רויִנירט געוואָרן, זיינען פאַראַן טויזנטער, וועמען בלויז די גרעסטע אָנשטרענגונג וועט ראַטעווען פון מאָראַלישן און פּסיכישן אומקום. אַ גרויסע צאָל פון זיי איז שוין אפשר איצט אויף אַזוי ווייט פאַרלוירן, אַז מיר וועלן זיך שעצן גליקלעך, אויב אונדז וועט געראָטן זיי אָפּצוהאַלטן פון אָנטאָן גרויסע שאָדנס דער געזעלשאַפט. צווישן די געזינטערע וועלן מיר געפינען אַזעלכע וואָס זיינען אויס־געוואַקסן אָן ליבע פון עלטערן. פיל יוגנטלעכע וואָס זיינען אָן אַ היים אָדער שול, אָן פרייד, אָן גלויבן אין חברשאַפט, וועלן וויסן בלויז פון איין מיטל ווי אַזוי צו געווינען „טאָלעראַנץ״: זיך דער־נידעריקן, זיין קנעכטיש, קריכעריש, פאַררעטעריש אַרויסגעבן דעם

שכן, אים פאַרמסרן און אים איבערגעבן צו דער מאַכט. מאָראַלישע באַגריפן, אָנשטענדיקייט, באַציִונגען צווישן געשלעכטער, דאָס אָרט פון יחיד אין דער גרופּע — דאָס אַלץ װעלן די קינדער און יוגנטלעכע, וואָס זיינען געוויינט געוואָרן צו אַ לעבן פון מורא און טעראָר, מוזן לערנען גאָר פון אָנהייב...״

פּאַפּאַנעק דערציילט וועגן אַן אַנקעטע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן מיט דער הילף פון אינסטיטוציעס פאַר סאָציאַלער אַרבעט און שולן, וועגן פּליטים־קינדער. פיל קינדער — מער שטאַנדהאַפּ־טיקע — זיינען געקומען צו די כוחות סיי פיזיש און סיי גייסטיק נאָך די שווערע איבערלעבונגען. אַנדערע האָבן אָבער ניט געקענט קומען צו זיך.

אַ פערצן־יאָריק קינד, נאָך דריי יאָר וווינען אין אַמעריקע ביי אַפּוטרופּסים און אין גוטע באַדינגונגען, ענטפערט:

„איך בין אָפּגעריסן געוואָרן פון מיינע עלטערן און ברודער, וועלכע מען האָט פאַרשלעפּט קיין פּוילן. דעם 10טן נאָוועמבער 1939 האָב איך געזען ווי די נאַציס האָבן אונטערגעצונדן די שולן אין בערלין. איך האָב געזען ווי זיי האָבן אויסגעבראָכן די פענצטער אין יידישע קראָמען, געשליידערט האָב־און־גוטס אין די גאַסן... צוזעענדיק דאָס אַלץ אין מיין געבוירן־לאַנד, בין איך געווען צע־טרייסלט. היינט בין איך נאָך מער פאַרצווייפלט — אומעטום ווערט ערגער...״

אַ יוגנטלעכער, וועלכער איז געוואָרן זעכצן יאָר אַלט, ענטפערט אויף די פראַגעס פון דער אַנקעטע:

„מיט ניט קיין סך מוט אָדער שטאָלץ האָב איך אַריבערגעטראָגן די דאָזיקע רדיפות. אָט־די פחדנות מיינע וועל איך קיין מאָל ניט פאַרגעסן, ניט מחמת איך שעם זיך וואָס איך בין געווען אַ פחדן, נאָר ווייל איך האָס מיין שפלע, אונטערטעניקע נשמה. איך בין געווען אַזוי צעשראָקן און קען ניט פּטור ווערן פון דער שרעק;

קיין מאָל פיל איך זיך ניט זיכער — אַפילו ניט פון מיין אייגענער שרעק...״

די סאָציאָלאָגין זעלדע מענאַכאָווסקי־פעלדבריל אין איר אַרבעט „די צופּאַסונג פון דער אייראָפּעיִשער יוגנט אין דער טאָראָנטער יידישער קהילה״ (נאָוועמבער 1952) ברענגט אונדז אַ ריי ביישפּילן פון יוגנטלעכע, וואָס האָבן דורכגעמאַכט דעם היטלער־קאָשמאַר און ווי זיי האָבן זיך שפּעטער צוגעפּאַסט צום נייעם לעבן אויפן היגן קאָנטינענט. אַלס מוסטער וועלן מיר ברענגען נאָר אייניקע פון זיי:

סעם קאהן איז געבוירן געוואָרן אין אונגאַרן דעם 26סטן נאָוועמבער 1929. אין דער זעלבער משפחה איז געווען נאָך אַ מיידעלע, צוויי יאָר יינגער פון אים. די קאהנס זיינען געווען פאַר־מעגלעכע מענטשן און מר׳ קאהן האָט געמאַכט אַ לעבן פון בוכ־האַלטעריי. ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן האָבן זיי אַלץ פאַר־לוירן און געבליבן בחסר כל.

זיין יוגנט איז ניט געווען קיין איבעריק גליקלעכע: טאַטע־מאַמע האָבן ניט געלעבט בשלום און זיינען זיך צעגאַנגען ווען ער איז אַלט געווען דריי יאָר. דער פאָטער האָט פאַרלאָזט די היים. אַזוי האָבן די צוויי קינדער און די מוטער געלעבט ניין יאָר, און ווען סעם איז אַלט געווען צוועלף יאָר, אין 1941, איז דער פאָטער געקומען צוריק, און די משפחה איז געווען צוזאַמען ביז די מלחמה האָט זיי צעשיידט אין אַ יאָר שפּעטער.

סעם האָט זיך טאַקע געפילט נענטער צו דער מוטער, אָבער די דאָזיקע נאָענטקייט איז ניט געווען קיין פולע, ווייל ניט די מוטער האָט אים דערצויגן.

ווען די משפחה קאהן איז צעשיידט געוואָרן, נאָך דעם אַריינ־מאַרש פון די היטלער־חילות אין אונגאַרן, איז סעם געבליבן אַליין מיט זיינע מאַטערנישן פאַר זיין עקסיסטענץ. אין 1943 האָבן די דייטשן אים פאַרשפּאַרט אין אַן אַרבעטס־לאַגער און אין אָנהייב

1945 — פאַרשיקט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער „דאַכאַו". פרילינג 1945 איז ער באַפרייט געוואָרן און זיך געפונען אין אַ קינדערהיים. פון דאָרט איז ער אין נאָוועמבער 1947 געקומען קיין טאָראָנטאָ, ווו ער איז אַריינגענומען געוואָרן אין דעם צענטער פון יידישן קאָנגרעס פאַר די געראַטעוועטע יוגנטלעכע.

דעם ערשטן איינדרוק, וואָס די סאָציאַלע אַרבעטער האָבן גע־האַט פון אים איז געווען, אַז ער איז אינטעליגענט און קען אויס־דריקן קלאָר און זאַכלעך זיינע געדאַנקען. ער איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס עלטסטער פון די יוגנטלעכע אין דעם צענטער. מען האָט אָבער גלייך באַמערקט, אַז ער איז צו דעם ניט צוגעפּאַסט; די איבעריקע יוגנטלעכע האָבן ניט געהאַט קיין צוטרוי צו אים, ווייל ער האָט זיך געהאַלטן העכער פון זיי. ער האָט געוואָלט שאַפן דעם איינדרוק, אַז ער איז אַן אַלץ־ווייסער און אַלץ וואָס ער זאָגט איז אומאָפּפרעגבאַר. ער איז געווען אַמביציעז און שטענ־דיק געוואָלט זיין „דאָס אויבערשטע פון שטייסל". ער האָט קיין מאָל ניט געהאַט קיין פריינדלעך וואָרט פאַר אַ חבר און געזאָרגט דער עיקר פאַר זיך. וועגן זיין פאַרגאַנגענהייט האָט ער אויסגעמיטן צו דערציילן.

אין דעצעמבער 1947 האָט מען סעמען אַריינגעגעבן אין אַ יידישער משפּחה פון פאַרמעגלעכע מענטשן. ער האָט געשטרעבט צו ענדיקן אַ מיטלשול און דערנאָך שטודירן כעמיע אָדער אינזשי־נעריע. צו ערשט איז ער געווען זייער צופרידן. ווי עס ווייזט אויס האָט ער זיך געניטיקט אין אַ היים־סביבה. ער האָט אַרויסגעוויזן סימנים פון ווייניקער געשפּאַנטקייט. אָבער אין חודש מערץ 1948 האָט ער גענומען אַרויסווייזן ווידער סימנים פון זעלבסטליבע, אומ־זיכערקייט; ער האָט גענומען פאָדערן פאַר זיך אַלץ מער, איז גע־וואָרן היפּער־קריטיש. די פרוי פון הויז האָט דערקלערט, אַז ער פירט זיך אויף ווי אַ צען־יאָריק יינגל, וועלכער האָט ניט קיין

זעלבסטזיכערקייט; ער איז געוואָרן אַגרעסיוו, געלטגייציק און האָט פאַרלוירן דעם חשק צו לערנען, אָבער לערנט ווייטער, נאָר כדי צו האָבן אַ סטאַטוס און אַ סאָציאַלע פּאָזיציע. דעריבער האָט די פרוי פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל פאַרלאָזן דאָס הויז, ווייל ער פּאַסט זיך ניט אַריין אין דעם פאַמיליע־לעבן.

דער סאָציאַלער אַרבעטער און די אַגענטור האָבן די פרוי זייער גוט פאַרשטאַנען, און ווען זיי האָבן סעמען געהייסן פאַרלאָזן די פאַמיליע האָט ער זיך דערפילט איינזאַם. דאָן האָט דאָס ערשטע מאָל פּאַסירט, אַז ער האָט אויסגעדריקט זיינע געפילן אין דער פאָרעם פון פּראָטעסט און אומצופרידנקייט בנוגע דאָס געלט, וואָס ער באַקומט פון דער אַגענטור.

מען האָט דאָן באַהאַנדלט די פראַגע צי איז אַ מאָל ניט בעסער, אַז ער זאָל זיך געפינען אין אַ „פראַטערניטי" איידער אין אַ פּאַס־טער־היים. אָבער סעם האָט ניט געוואָלט. ער האָט געוואָלט זיין אין אַ היים, ביי אַ משפחה, ווו די באַציִונגען זיינען מער אינטימע.

סעם האָט זיך גענומען ערנסט צו זיין לערנען. כדי צו האָבן קליינגעלט אויף הוצאות, האָט ער געאַרבעט פריִער אַלס שיקי־נגל אין אַ קראָם און שפּעטער אַלס קעלנער אין אַ רעסטאָראַן. אַ דאַנק דער פאַרשטענדעניש און הילף פון דער אַגענטור און דער סאָציאַ־לער אַרבעטערין האָט סעם זיך ביסלעכווייז אויסגעלערנט ווי זיך צו באַגיין מיט חברים און מיט מענטשן בכלל...

*

יוסף שטיין האָט אויך מיט שוועריקייטן זיך צוגעפּאַסט צו זיין נייעם לעבן אין קאַנאַדע. געבוירן געוואָרן איז ער אין טשעכאָ־סלאָוואַקיע אין דעצעמבער 1929. ער איז געווען דער עלטסטער אין אַ משפחה מיט דריי קינדער. זיינע עלטערן האָבן געהאַט אַ

מילכפּאַרם און ער האָט געוווינט אין אַ באַקוועמער היים. אין 1944 איז די גאַנצע משפּחה פאַרשיקט געוואָרן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, ווו ער איז צעשיידט געוואָרן פון די איבעריקע מיטגלידער פון דער פאַמיליע. ער איז דער איינציקער געבליבן לעבן פון דער גאַנצער משפּחה.

אין 1946 איז ער געשיקט געוואָרן אין אַ היים פאַר יתומים, ווו ער האָט זיך אויפגעהאַלטן ביז זיין קומען אין קאַנאַדע אין נאָוועמבער 1947. דאָ האָט ער געהאָפט, אַז ער וועט אַדאָפּטירט ווערן פון אַ רייכער משפּחה און ער וועט זיך אַזוי אַרום איינ־אָרדענען אינעם לאַנד פון „גאָלדענער געלעגנהייט".

יוסף האָט געהאַט אַ גוטן קאָפּ, געווען קלוג און אַמביציעז, אָבער אומגעדולדיק און אומרויִק. ער האָט שטאַרק געפילט דעם משפּחה־פאַרלוסט, וואָס ער האָט געליטן. אויסערלעך האָט ער אויס־געזען רויִק, אָבער ער איז געווען צעמישט אין זיינע אידייען.

אין יאַנואַר 1948 האָט מען אים איינגעאָרדנט אין אַ פּאָסטער־היים. צו ערשט האָט ער זיך דאָ געפילט גוט און האָט זיינע פּאָס־טער־עלטערן גערופן „מאַמע" און „טאַטע". אָבער קיין פּלאַן אים צו אַדאָפּטירן איז ניט געווען. אין זיין נייער היים האָט ער געהאַט פון אַל דאָס גוטס. ער האָט דאָס אָפּגעשאַצט און מער ניט פאַרלאַנגט. אָבער סוף פעברואַר האָט די פּאָסטער־מוטער זיך באַקלאָגט, אַז יוסף איז געוואָרן זייער גראָב און איז מיט קיין זאַך ניט צופרידן. ער האָט זיך באַקלאָגט, אַז קאַנאַדע איז אַ „טויט" לאַנד און אַז ער האָט ניט קיין שום אינטערעס ניט אין דער משפּחה און ניט אין זייערע באַקאַנטע, וועלכע לאַנגווייליקן אים. ער האָט אויפגעהערט העלפן אין דער שטובאַרבעט און פלעגט וועגן אַלץ אַרגומענטירן. סוף מאַי האָט יוסף זיך געמוזט אַריבערקלייבן אין אַ באַצאָלטער פּאָסטער־היים.

ביזן קומען אין קאַנאַדע האָט יוסף שוין געהאַט געענדיקט אַכט

קלאַסן. דאָ האָט ער ממשיך געווען דאָס לערנען, אָבער קיין גרויס חשק צו דעם האָט ער ניט געהאַט. ער האָט באַשלאָסן צו ווערן אַ בעל־מלאכה. מיט דער הילף פון קאָנגרעס איז ער געוואָרן אַ פוטער־וואַרג־אַרבעטער און ביסלעכווייז גענומען אַריינוואַקסן אינעם יידישן לעבן.

זיין צופּאַסן זיך צום נייעם לעבן איז געגאַנגען גיכער ווי ביי סעמען. יוספן האָט גענומען דאָס אַקלימאַטיזירן זיך פונקט העלפט צייט ווי סעמען.

מיר וועלן זיך באַנוגענען מיט די פּאָר ביישפּילן, הגם אין דער אַרבעט פון זעלדע מענאַכאָווסקי־פעלדבריל זיינען פאַראַן נאָך אַ ריי כאַראַקטעריסטישע ביישפּילן, וועלכע שפּיגלען אָפּ מיט זיך די שוועריקייטן פון דעם צופּאַסן זיך און אַריינלעבן זיך פון יונגע יידן אין דער נייער סביבה, וועלכע זיינען געווען קרבנות פון דער היטלער־עפּאָכע און האָבן איבערגעלעבט אַלע שוידערלעכקייטן פון די קאָנצענטראַציע־ און פאַרניכטונג־לאַגערן, וואָס זיינען אונדזערע לייענערס זייער גוט באַקאַנט פון דער חורבן־ליטעראַטור; און אפשר זיינען אויך דאָ אַזעלכע, וואָס האָבן דאָס אַליין אַליין דורכגעלעבט.

זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אַז אין די געטאָס און אין די לאַגערן איז געפירט געוואָרן אַ ברייט פאַרצווייגטע קולטור־אַרבעט צווישן די קינדער און יוגנטלעכע.

דערציילט אונדז דער קדוש עמנואל רינגעלבלום אין זיין באַ־ווסטן בריוו צום היגן ייוואָ וועגן דער אינטענסיווער קולטור־קינסטלערישער טעטיקייט „כדי אָפּצורייסן זיך אויף אַ פּאָר שעה פונעם קאָשמאַר פון דער ווירקלעכקייט און פאַרברענגען אָן זאָרג מיט קינדער". אויך אין דער קינסטלערישער יידישער ליטעראַטור ווערט אָפּגעשפּיגלט די העראָישע קולטור־ און דערציִונגס־אַרבעט פון אונדזערע לערער. זאָל דאָ דערמאָנט ווערן די פּאָעמע פון אַברהם סוצקעווער „די לערערין מירע", וואָס איז די לייענערס פונעם בוך זיכער באַקאַנט.

אלגעמיינע אויספירן

1. עלטערן דאַרפן ניט פילן קיין שום זעלבסטשולד, ווען זיי דערוויסן זיך, אַז זייער קינד איז דעפעקטיוו, ווייל דאָס איז ניט זייער שולד. זיי דאַרפן אָבער, ווען זיי באַמערקן וועלכע עס איז סימנים פון אומנאָרמאַלקייט ביים קינד, זיך גלייך ווענדן צום קינדער־דאָקטער און אויספירן פּינקטלעך אַלע זיינע דירעקטיוון.

וואָס פריִער די עלטערן ווייסן ווי זיך צו באַגיין מיט אַ דע־פעקטיוון קינד, אַלץ בעסער איז עס פאַר אים.

אַ דעפעקטיווער קינד מוז האָבן די זעלבע ליבע און הילף ווי עס האָט אַ נאָרמאַלער קינד. צו פיל זאָרג, איבערנאַטירלעכע ליב־שאַפט איז פאַר אַ דעפעקטיוון קינד פּונקט אַזוי שעדלעך ווי פאַר אַ נאָרמאַלן. דאָס נעמט צו פון אים זיין זעלבשטענדיקייט, זיין איניציאַטיוו, זיינע דערפאַרונגען, פון וועלכע ער דאַרף לערנען, ווייל דאָס לעבן איז פאַר יעדער באַשעפעניש אַ שול, ווו עס לערנט פון די דערפאַלגן און דורכפאַלן אַ מוסר־השכל.

2. אַ קינד וואָס האָט שוועריקייטן מיטן אָנהייבן ריידן, צו זאָגן מאַ־מאַ, באַ־באַ, אָדער אין די שפּעטערדיקע יאָרן ביים לייע־נען, איז אָפט מאָל אַ רעזולטאַט פון אַ ראיה־ אָדער שמיעה־חסרון און האָט גאָרניט צו טאָן מיט דעפעקטיווקייט. אין אַזעלכע פאַלן מוז מען זיך גלייך באַראַטן מיטן קינדער־דאָקטער.

אויב די קאָאָרדינאַציע ביי אַ קינד איז אַ פעלערהאַפטע: ער האָט שוועריקייטן ביים מאַכן אַ שלייף, פאַרקניפּלען די שיכבענד־לעך, פאַרשפּיליען די קנעפּלעך אד״גל, מוז וועגן דעם גלייך וויסן דער דאָקטער.

3. ניט אַלע דעפעקטיווע קינדער זיינען פון דעם זעלבן קאַליבער. ס׳זיינען פאַראַן פאַרשיידענע גראַדאַציעס פון דעפעקטיווקייט, פונקט ווי עס זיינען פאַרשידן נאָרמאַלע קינדער אין זייער אויפפירונג און לעבן־דערגרייכונגען.

4. ס׳זיינען דערווייל ניטאָ קיין היילמיטלען פאַר דעפעקטיווע קינדער. ס׳איז אָבער יאָ מעגלעך, מיט אַ געהעריקער זאָרג מצד די עלטערן און ביי דער מיטהילף פון פאַכלייט, אָפּצוטעמפּן זייער דעפעקטיווקייט.

5. די הויפּט־סיבה פון דעפעקטיווקייט איז אַ מוח־באַשעדיקונג, וואָס קען קומען פון געבוירן ווערן, ווען דאָס קינד ווערט אָפּגענומען פון אַקושער אָדער דאָקטער; עס קען אויך קומען אין די שפּעטערדיקע יאָרן פון אַן אומגליקספאַל, אָדער אַפילו נאָך זייענדיק אין דער מוטערס טראַכט.

עלטערן ביי וועלכע ס׳ווערט געבוירן אַ דעפעקטיוו קינד קענען אויך געבוירן נאָרמאַלע קינדער. דאָס איז אַפילו ווינטשנסווערט סיי פאַר די עלטערן און סיי פאַרן שוין געבוירענעם דעפעקטיוון קינד. דאָך איז ראַטזאַם זיך צו באַראַטן מיט אַ דאָקטער צי זיי זיינען מסוגל צו געבוירן נאָרמאַלע קינדער.

6. האָבן אַ הויכן אינטעליגענץ־וויפלער איז זייער וויכטיק. אָבער וויכטיק איז אויך צו זיין פיזיש געזונט, געשיקט, האָבן אַ גוט האַרץ, זיך קענען אַריינפּאַסן אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן אד״גל.

7. דאָס פאַרמאָגן אַ גוטן זכרון איז נאָך ניט קיין סימן פון אינטעליגענץ, ווייל אינטעליגענץ האָט מער צו טאָן מיט דענקען. אַ גוטער זכרון העלפט נאָר צו האָבן אַ גרעסערן אינטעליגענץ־וויפלער.

8. אַ נאָרמאַלע עמאָציאָנעלע אַנטוויקלונג פון קינד איז אָפּהענגיק פון זיין חברשאַפט מיט אַנדערע קינדער. אַ קינד מוז אויך וויסן ווי צו האַנדלען און ווי זיך צו באַגיין מיט אַנדערע. אין דעם

זין האָבן דעפּעקטיווע קינדער גרויסע שוועריקייטן. די אַרומיקע, איבערהויפּט די עלטערן, מוזן עס פֿאַרשטיין.

9. יעדער איינער, איבערהויפּט אַ קינד, וויל זיין מיט עפּעס נוצלעך. אויך דעפּעקטיווע קינדער האָבן דעם זעלבן באַגער. דעריבער מוזן די עלטערן געבן זייערע דעפּעקטיווע קינדער טאָן אַזעלכע זאַכן, וואָס זיינען אין די ראַמען פֿון זייערע מעגלעכקייטן. גלייכצייטיק דאַרף מען דעם קינד לערנען ווי צו טאָן די אַרבעט, אָבער ניט שטעלן קיין צו גרויסע פֿאָדערונגען און זיין געדולדיק, ווען ער טוט די אַרבעט ניט ווי געהעריק. פֿאַרקערט, מען דאַרף דאָס קינד לויבן פֿאַר דאָס געטוענע און דערמוטיקן, ווען עס איז אַפֿילו ניט אין גאַנצן גוט.

10. מען דאַרף זיך ניט שעמען מיט אַ דעפּעקטיוון קינד און ניט אויסבאַהאַלטן עס פֿון פֿרעמדע אויגן. אַ דעפּעקטיוו קינד האָט אויך געפֿילן און זעלבסטליבע. אַזאַ קינד מוז פֿילן, אַז ער איז אויך אַ טייל פֿון דער געזעלשאַפֿט, כאָטש מיט באַגרענעצטע מעגלעכקייטן.

11. אין אַלע שווערע פּראָבלעמען מוזן זיך די עלטערן באַראַטן מיטן דאָקטער, פּסיכאָלאָג אָדער פּסיכיאַטאָר.

12. געוויסע דעפּעקטיווע קינדער זיינען גענייגט צו מעשים־רעים. מוזן די עלטערן האַלטן אַן אויג אויף זיי.

13. דעפּעקטיווע יוגנטלעכע האָבן אויך זייערע געשלעכט־דראַנגען ווי עס האָבן נאָרמאַלע מענטשן. עלטערן מוזן דאָס גוט געדענקען און מיט דער הילף פֿון פֿאַכלייט אויפֿקלערן די קינדער די ראָל פֿון געשלעכט.

14. חתונות צווישן דעפּעקטיווע יוגנטלעכע קענען זיין אָפּהענגיק פֿונעם גראַד פֿון זייער דעפּעקטיווקייט. דאָס מוז אָבער געטאָן ווערן מיט דער באַראַטונג פֿון געהעריקע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַכלייט, ווייל דאָס איז זייער אַ קאָמפּליצירטער ענין און דאָס פּאָרל מוז פֿאַרשטיין זייער לאַגע.

דעפעקטיווע קינדער אין דער ייִדישער ליטעראַטור

אין די צוואַנציקער יאָרן פון הײַנטיקן יאָרהונדערט איז דערשינען אַ קליין ביכל פון באַוווּסטן פּעדאַגאָג ישראל רובין: דעפעקטיווע קינדער אין דער ייִדישער ליטעראַטור. די פּראָבלעם פון פאַרשיידנאַרטיקע טיפּן ייִדישע קינדער, — נאָרמאַלע און אומנאָרמאַלע, — דאַרף פאַרנעמען יעדן איינעם, וואָס האָט אַן אינטערעס אינעם ייִדישן קינד, און איבערהויפּט אַ פּעדאַגאָג, וואָס האָט די אויפגאַבע צו דערציִען ייִדישע קינדער.

קאָן מען דערקענען אַ דעפעקטיוו קינד לויט זיין אויסערלעכן אויסזען? ווי אַ כלל קאָן מען עס ניט אָנגעבן. ס'טרעפן זיך צו מאָל קינדער מיט אַ זייער נאָרמאַלן אויסזען, וואָס אין דער אמתן זיינען זיי דעפעקטיווע. אָבער דאָך איז אַזאַ פאַרבינדונג יאָ פאַראַן, — עס איז דאָ אַ פּסיכאָ־פיזישער פּאַראַלעליזם.

אָט מאָלט אונדז דוד אָפּאַטאָשו אין זיין בוך צווישן ים און מידבר (נ״י, 1947) צוויי קאַליקעס:

...צוויי מאַמעס האָבן אין צוויי קעלערשטובן, אויף דער זעלבער גאַס, צוויי אידיאָטן־קינדער אויף דער וועלט געבראַכט; ער, — אַ וואַסערקאָפּ, זי, — אַ וואַסערקאָפּ. דזשאָו, — פּיסלעך ווי שפּענדלעך, מעי, — פּיסלעך ווי פראַגע־צייכנס... ווען אַנדערע קינדער האָבן צו זעקס יאָר גענומען גיין אין דער „פּאַבליק־סקול", האָט מען דזשאָוען און מעיען גענומען לאָזן אַליין אין גאַס. קיין שרעק פון פאַרלוירן גיין האָבן די מאַמעס פאַר די קינדער ניט געהאַט. זעצט מען זיי אַוועק אויף אַ שטול פאַרן הויז, זיצן זיי, דזשאָו

און מעי, ביז מען קומט און מען נעמט זיי אַריין אין שטוב. זיצן די צוויי אין גאַס, קוקן מיט די וואַסערדיקע, קעלבערנע, אויסגע־לאַשענע אויגן...

אַזוי מאָלט אויך י. ל. פּרץ דאָס אויסערלעכע אויסזען פון אַ ווילדער בריאה (אַ ווילדע בריאה, געז' ווערק, ב' 3):

...דאָס אויסזען בייט זיך ביי איר אַלע מינוט: נאָך אַ קינדיש־ליכטיקן שמייכל לייגט זיך אויפן אַלטן פּנים אַ טיפער קנייטש, טייל מאָל פאַרקרימען זיך די ליפּן און די אויגן ברענען אומהיימ־לעך...

שלום-עליכם מאָלט זיין „געצל" אַזוי:

...געצל איז אַ דערוואַקסענער לעפּעשעוואַטער בחורל מיט מגושמדיק־גראָבע הענט, מיט מגושמדיקע גראָבע ליפּן, אַ קול האָט ער ווי פון אַ פאַס, אַ קאָפּ איז אויף אים אַ גרויסער ווי אַ באַק־דייזשע...

יונה ראָזענפעלד מאָלט אונדז אַ דעפעקטיוו קינד אין זיין דערציילונג קאָנקורענטן:

...אַ פאַרזעעניש איז עס געווען. דאָס פּנימל אַ לאַנגס, אַן אָנגעצויגנס, — האָט עס אויסגעזען ווי אַ זויערע צעקוועטשטע אוגערקע. קיין לויט פלייש האָט דאָס אויף זיך ניט געהאַט, נאָר אַ הויט איז עס נאָכגעהאַנגען ווי אַ ביטל. אַז איך האָב עס גע־האַלטן, זיינען די פינגער מיינע געקראָכן אין לייב אַריין...

דאָ רעדט זיך וועגן אַ דריי־חדשימדיקן קראַנקן קינד.

אַ דעפעקטיוו קינד, וואָס פאַרמאָגט אַן איבערגעטריבענע ליב־שאַפט און האָט אַ זייער נאָרמאַלן אויסזען, באַשרייבט אונדז יונה ראָזענפעלד אין זיין דערציילונג אויפגאַנג. ס'איז אַ מיידל פון דרייצן יאָר, וואָס האַנדלט אָבער ווי אַ מיידעלע פון זיבן יאָר.

איינער פון די פאַקטאָרן אין דער געשטאַלטונג פון קינדס כאַראַקטער, — פון זיין נאָרמאַלקייט אָדער אומנאָרמאַלקייט, — איז

ירושה; אַ צווייטער, גאָר וויכטיקער פאַקטאָר, — איז די סביבה, די דערציִונג, די היים, די חברים און די שול.

ירושה־אייגנשאַפטן וואָס האַמעווען די נאָרמאַלע פיזישע און גייסטיקע אַנטוויקלונג פון קינד קענען טיילווייז, אין געוויסע פאַלן, אַפילו אָפּגעשוואַכט ווערן אַ דאַנק דער דערציִונג, אַ דאַנק דער ווירקונג פון דער סביבה, און דאָס זעלבע אויך פאַרקערט.

דער שלעכטער ווירקונג אויפן קינד, לויט י. רובין, איז גורם די אַלט־יידישע דערציִונג. ער פאַררופט זיך אויף מענדעלעס שלמה ר' חיימס, און ברענגט פאָלגנדיקן ציטאַט:

...ווו איז שוין שלמהלע פאַר די פאַר יאָר (וואָס ער לערנט אין חדר) ניט אויסגעווען? טאַקע גאָר עפּעס ווי אַן אַלטער, וואָס וואָלט אָוועקגעלעבט מתושלחס יאָרן... ער איז געווען אין ארם־נהרים, אין כנען, אין מיצרים, אין פרס ומדי, אין וויסטעניש און מידבריות... נאָר לעבן מיט דעם זכר אַליין, דערפון וואָס ס'איז געווען, בלייבן ביי אַ געשיכטע און דרייען זיך, דרייען זיך אויף איין אָרט, ווייטער ניט אויף אַ האָר, — אַזעלכעס הייסט ניט גע־לעבט... דאָ, אויף דער וועלט, איז שלמהלע אַ למך, ווייס ניט פון אַ לעבן צו זאָגן, דערפאַר דאָרט, אויף יענעם עולם, וווהין ער פאַר־פליט דורך דעם לערנען, איז ער אַ ווילדער חכם...

די אַלט־יידישע דערציִונג האָט געפירט דערצו, אַז די קינדער זיינען ניט גלייכמעסיק אַנטוויקלט געוואָרן, אַז אינטעלעקטועל זיינען זיי מער אַנטוויקלט געוואָרן ווי פיזיש, אַז דורך דעם איז ביי זיי צוגענומען געוואָרן זייער יוגנט, און זיי זיינען פריצייטיק פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַלטע יידעלעך, אַז זיי האָבן מער געלעבט מיטן אַמאָל און מיט דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט ווי מיט דעם נאָענטן און ווירקלעכן לעבן, — וואָס דאָס אַלץ, פאַרשטייט זיך, פירט צו דעפעקטיווקייט אין דער אָדער אַנדערער פאָרעם.

מען מוז אָבער צוגעבן, אַז דאָס איז נאָר אַ טייל פון דער

ווירקלעכקייט. אַפילו אין דעם אַלטן חדר, מיט די אַלטע אומפּעדאַ־גאָגישע מיטלען פון דערציִונג, זיינען געווען פיל נייטראַליזירנדיקע מאָמענטן, וואָס האָבן אין אַ גרויסער מאָס צו נישט געמאַכט די נעגאַטיווע ווירקונגען. אַנדערש וואָלט דאָך ׳אויסגעוואַקסן אַ דור נישט צו גאָט און נישט צו לייט. פון די חדרים און ישיבות זיינען דאָך אויסגעוואַקסן כמעט אַלע אונדזערע יידישע און העברעיִשע שרייבער.

צו די פּאָזיטיווע מאָמענטן פון דער אַלט־יידישער דערציִונג געהערט אָן שום ספק דער ערב־שבת, דער שבת און דער יום־טוב אין דער היים, דער ערב־יום־טוב אין חדר, ווען דער רבי האָט אַ ביסל אָפּגעלאָזט פון זיין דיסציפּלין און האָט דערציילט די קינדער שיינע אַגדות.

עס זיינען בכלל געווען חדרים מיט באַגאַבטע מלמדים, וואָס האָבן איינגעלאַדן ספּעציעלע לערערס, וועלכע האָבן געלערנט די קינדער שרייבן יידיש און חשבונען. די קינדער האָבן געדאַרפט מאַכן פאַרשיידענע אַריטמעטישע אויפגאַבן, וואָס זיינען געווען נאָענט צום לעבן: אויסרעכענען פאַרשיידענע חשבון־חידות און טרעפע־נישן, וועלכע האָבן געשאַרפט דאָס קינדישע מוחל. בין מינחה למעריב, ווען דער רבי איז געגאַנגען אין בית־מדרש אַריין, האָבן די קינדער זיך דערציילט פאַרשיידענע מעשיות און דורכגעפירט פאַרשיידענע שפּילערייען, וואָס האָט זיי צוריקגעגעבן זייער קינ־דערישקייט. געגנוג צו דערמאָנען דאָס שפּילן אין דריידל, אין ניס, און צענדליקער אַנדערע. שלום־עליכם שפּיגלט עס אָפּ זייער גוט אין זיינע קינדער־דערציילונגען.

אין דער חורבן־ליטעראַטור פאַרנעמען די דעפּעקטיווע קינדער אַן אָנגעזען אָרט. דער חורבן איז דאָך געווען אַ „פּרוכפּערדיקער" באַדן, אויף וועלכן עס זיינען אויפגעוואַקסן קינדער מיט מיחושן.

רחל קאָרן, וואָס האָט אַליין דורכגעלעבט דעם גאַנצן שווידער

פון דער היטלער־עפּאָכע. ברענגט אונדז אין איר דערציילונג הענט (רחל ה. קאָרן: ניין דערציילונגען, מאָנטרעאָל, 1957) אַ מיידעלע, עטעלע, וואָס האָט נאָך איבערגעלעבט דעם שוידער פון דער ערשטער וועלט־מלחמה:

...עטעלע האָט שוין מער ניט באַקומען יעדן אין דער פרי אין בעט אַריין דאָס גלאָז מילך מיט דער דיקער איינגעקאָכטער הויט. זי האָט זיך אויפגעהערט צו שפּילן מיט די קינדער אין הויף און איר שמאָל, בלאָס פּנימל איז פרי רייף געוואָרן מיט דער מוטערס דאגות און זאָרגן. זי פלעגט אַריבערוואַרפן דער מוטערס שאַלעכל אויף אירע שמאָלע אַקסלען, און מיט די פיס, אַרונטער־גענומען אונטערן קליידל, אָפּזיצן אין בעט גאַנצע טעג, קוקנדיק אויף דער גראָער מויער הינטערן פענצטער...

וואַקסט אַזוי עטעלע אַן אומעטיקע, אַ דערשלאָגענע און פאַר־ביטערטע. און עס ברעכט אויס די צווייטע וועלט־מלחמה. די באָל־שעוויקעס פאַרנעמען די שטאָט וווּ עטעלע וווינט. איר פאַרביטערט־קייט קען זי איצט אויסגיסן אויף אַנדערע. דער קאָמוניזם איז אַ פּרוקפּערדיקער באָדן פאַר אירע מיחושן. עטעלע ווערט אַ פירערין ביי די באָלשעוויקעס:

...זינט די פאַרדאַרטע, שווייגנדיקע עטל איז געוואָרן ביי דער סאָוועטישער מאַכט די אָנפירערין פון אַן אַרטעל און די בעסטע שניידערס און שניידערינס זיינען געוואָרן אָפּהענגיק פון אירן אַ וואָרט, איז זי געוואָרן אַזוי גדלותדיק ביי זיך און אַרויסגעגעבן באַפעלן מיט אַזאַ זיכערקייט, גלייך זי וואָלט געווען געווינט דערצו פון איר קינדהייט. אַנשטאָט אַנצוקווועלן פון איר טאָכטערס אויפ־טוען אַלס אַ פירערין פון שניידערישן קאָאָפּעראַטיוו פלעגט פייגע קליינבערג (איר מאַמע) אַרומגיין אַ פאַרזאָרגטע און רעדן צו זיך אַליין: וואָס דראַפּעט זי זיך אויף די גלייכע ווענט? וואָס טויג איר דאָס, מיין עטעלען? זי מיינט, אַז זי בעט זיך אויס אַ וועג צו סטאַ־

לינען אַליין, — און דערווייל שעלט מען זי אונטער די אויגן. צו וואָס וועט עס זי דערפירן?..

אָט די זעלבע גדלותדיקע עטעלע, ווי נאָר דער גורל ברענגט איר צוזאַמען מיט שווערע מאָמענטן פון לעבן, ווען מען פירט יידן צום אומקום, און צווישן זיי אויך עטעלען, ווייזט זי אַרויס איר דערשראָקנקייט און דערשלאָגנקייט: אַנשטאָט צו מוטיקן און טרייסטן די מוטער, איז וואָס טוט זי?

...עטעלע האָט זיך מיט איר גאַנצן גוף אַריינגעפּרעסט אין דער מאַמען, גלייך זי וואָלט וועלן צוריק אַריינוואַקסן אין דער מוטערס טראַכט. זי האָט געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן, כדי נישט צו זען דעם זאַמדיקן וועג, וואָס איז ווי אַ געלער טייך געפלאָסן פאַרויס, פאַרויס...

אַן אַנדער יידישער שרייבער, ישעיהו שפּיגל, וואָס וווינט איצט אין ישראל און אין דער צייט פון די היטלער־יאָרן איז ער פינף יאָר געווען אין לאָדזשער געטאָ און אין טויטן־לאַגער אוישוויץ, ברענגט אונדז אין זיין בוך ליכט פונעם אָפּגרונט (נ״י, 1952), אַ נאָוועלע, ברויט, ווו עס ווערט אָפּגעשפּיגלט דאָס לעבן פון אַ קינד אומעלע (אַברהמעלע). די קינדער וואַקסן אָן ליבע, אין גרויס אָרעמ־קייט, און דער פּועל־יוצא דערפון איז, אַז זיי וואַקסן אויס דעפּעק־טיווע, מיט קראַנקע פאַנטאַזיעס און היפּאָטראָפּירטע אילוזיעס.

אין „ברויט״ ווערט געשילדערט אַ משפּחה: טאַטע, מאַמע און צוויי קינדער. די דערציילונג הייבט זיך אָן אַזוי:

דאָס קליינע צימערל, ווו די מאַמע גליקע האָט זיך אַריינגע־כאַפּט מיט איר הויזגעזינד, מיט שימעלען און מיט די צוויי קינדער זייערע, געפינט זיך אין פאָדערהויז פון הייזל און קוקט מיט איין איינציק שמאָל פענצטערל אַראָפּ אין געסל, וואָס געהערט שוין נים צום געטאָ...

...פון שמאָלן פענצטערל זעט מען „זיי״ תמיד אונטן. שוין

טעג און חדשים ווי שוואַרצע, גלאַנציקע זעלנער־שטיוול מעסטן דעם ברוק אַהין און צוריק אָן אויפהער, ביי טאָג און ביי נאַכט. דער דייטש דרייט זיך דאָ מיט דער ביקס, האַלט אין איין קוקן צום פּרוכנעוואַטן הייזל און צום שיפן דעכל. צום פענצטערל גייט קיינער פון די שטוביקע ניט צו. דאָס פענצטערל איז בלויז אַ ביסעלע אויפגעלענט, וואָרעם אַז דער דייטש דערזעט אונטן אָן אָפענעם פענצטער אָדער אַ שאָטן פון אַ קאָפּ, — שיסט ער אַרויף...

די מאַמע לויפט שטענדיק אַרום זוכן אַ ביסל געקעכטס פאַר דער משפחה, און דער טאַטע? —

דער טאַטע איז אין שטוב מיט די קינדער אַ גאַנצן טאָג, איינגעהילט אין טלית און תפילין:

...ער הייבט אָן דאַווגען באַלד נאָך גליקעם אַוועקגיין און לייגט אָפּ די תפילין ערשט קעגן אָוונט. די קינדער האָבן מורא פאַרן טאַטן. די לעצטע טעג שטייט ער אָפּ אַזוי שעהען לעבן דער וואַנט, אָן איינגעוויקלטער אין טלית און תפילין, און רירט זיך נישט פון אָרט. עס דאַכט זיך זיי אויס, אַז דער טאַטע לעבט שוין לאַנג נישט, אַז ער האָט אין מיטן דאַווגען אויסגעהויכט די נשמה און ער שטייט אַזוי מיטן פּנים צו דער וואַנט אַ פאַרגליווערטער, אַ קאַלטער, אַ בר־מינן... און אַז ער דרייט זיך פּלוצעם אויס מיטן פּנים אין שטוב אַריין נאָך אַ סך שעהען אין פאַרגליווערטן שווייגן, — דערזעען זיי, די קינדער, ווי דעם טאַטנס פּנים איז אין גאַנצן ווייס ווי שניי, די אויגן איינגעטונקען אין טרערן... ער זעצט זיך אַוועק אין סאַמע ווינקל, אָן איינגעהילטער אין טלית און תפילין, און וואַרט ביז די מאַמע וועט עפענען די טיר. און לעבן אים צופוסנס ליגן אַברהמעלע און פּערעלע,ביידע צעשראָקענע און פאַרלוירענע...

די מאַמע טיילט אויס פאַר יעדן איינעם אַ שטיקל ברויט און באַהאַלט נאָך דעם דאָס איבערגעבליבענע, קיינער זאָל ניט וויסן ווו עס געפינט זיך, כדי שפּעטער, ביים עסן, ווידער אויסצוטיילן

יעדן איינעם אַ שטיקל. האָט איין מאָל געטראָפן אַן אומגליק: די מאַמע האָט אין דער פרי אויסגעטיילט די פּאָרציעס ברויט, געלאָזט פאַר יעדן איינעם זיין חלק, און איז אַרויס זוכן עפּעס געקעכטס פון די אומזיסטע קיכן. האָט דער פּאָטער, נישט וויסנדיק ווי דאָס איז געשען, אויפגעגעסן די קינדערס חלקים, און ווען די מאַמע איז געקומען שפּעט אַהיים האָט זי געטראָפןביידע קינדער ליגן אין די ווינקלען פאַרשמאַכטע...

ווי זעט אויס אומעלע — אַברהמעלע?

...ער איז קליין־געוויקסיק, מיט אַ שמאָל, דאַר קעפּל און אָפּשטייענדיקע אויערן. דעם טאַטנס פּנים אין גאַנצן. די אויגן זיינע זיינען אויך עפּעס פייכטלעך, און אַז מען קוקט זיך גוט איין אין זיי, איז קענטיק די אַלטקייט פון טאַטן, זיין פאַרצאָגטקייט ליגט איינגעקריצט אין אומעלעס שמאָלער, שפּיציקער גאָמבע. כאָטש אומעלע האָט נאָך נישט אין גאַנצן קיין צוועלף יאָר, — ליגט שוין אין זיין הילוך עפּעס פון טאַטנס אַלטקייט און איינגעגראָבנקייט. ווי אַן איינגעבויגענער זקן, האַלט ער די הענט תּמיד ביים שטערן און טראַכט וועגן עפּעס. אַן אומרויִקער שאָטן יאָגט איבער די בלאַסע, דורכזיכטיקע בעקלעך. די פּאָר חדשים געטאָ האָבן די קינדער אין גאַנצן איבערגעאַנדערשט. דאָס זיינען מער נישט קיין קינדער, נאָר זקנים, וואָס אויף זייערע פּנימער זיצט אַ פאַרעלטערטקייט פון יאָרן...

איז אַנטקעגן זייער הויז פאַראַן אַ געוועלבל און אַ שויפענצטער פון אַ בעקעריי. קען מען דאָס שויפענצטער מיט דעם געבעקס, — ברויטן און גלאַנציקע, ווייסע רונדיקע בולקעס, — זען דורך אַ שפּאַרע לעבן דער וואַנט. זיצן די קינדער גאַנצע שעהען און קוקן דורך דער שפּאַרע אויפן געבעקס. ביידע קינדער אַמפּערן זיך וועגן זיצן ביי דער שפּאַרע צו קוקן אויפן אוצר. זיצט אומעלע און זאָגט אַ פּסוק, — אַזאַ שפּרוך, וואָס ווען מען זאָגט עס מיט כוונה פאַר־

שווינדט דער הונגער כהרף־עין. זיי ווילן נאָר, אַז די מאַמע זאָל זיך נישט דערוויסן וועגן אוצר, אַניט איז אַלץ פאַרלוירן. מען וועט מער ניט קענען קוקן דורך דער שפּאַרע. אַזוי זיצן זיי ביז זיי ווערן אַנטשלאָפן, און די מאַמע געפינט זיי שלאָפנדיק איינער אויפן צווייטן.

אַ שעדלעכע ווירקונג אויף דער געשטאַלטונג פון קינדער האָט דאָס פעלן פון שלום־בית ביי די עלטערן. דאָס שפּיגלט אָפּ יונה ראָזענפעלד אין זיין דערציילונג קאָנקורענטן.

אַ משפחה פון טאַטע־מאַמע און דריי קינדער לעבט אין גרויס אָרעמקייט. דער טאַטע דערפילט די ראָל פון אַ מאַמע: רוימט, קאָכט און גיט אַכטונג אויף די קינדער. די מאַמע, אַ מאַרק־זיצערין, איז די שפּייזערין פון דער משפחה. וואַקסט אונטער דאָס עלטערע מיידעלע און ניט נאָר דאַרף זי מער ניט האָבן דעם טאַטנס הילף, נאָר זי הייבט אָן אַליין אַכטונג צו געבן אויף די צוויי קלענערע קינדער.

דאָס עלטערע מיידעלע הייבט אָן מיטצופילן דער מאַמען, וואָס דאַרף זיין די איינציקע שפּייזערין. זי הייבט אָן צו רעדן צום טאַטן, אַז ער זאָל גיין אין גאַס און זוכן עפּעס צו פאַרדינען און מיט דעם אַרויסהעלפן דער מאַמען אין אויפהאַלטן די שטוב. דער טאַטע קען ניט פאַרטראָגן די רייד פון דער עלטערער טאָכטער. ער קריגט זי פיינט און שלאָגט זי אָפּט. דאָס ווירקט אויך צום שלעכטן אויף די צוויי קלענערע קינדער.

די קינדער דערציילן דער מאַמען וועגן טאַטנס האַנדלונג. אין שטוב הייבן זיך אָן קריגערייען. די מאַמע שרייט איין מאָל אויס:

...שוין עלף יאָר נאָך אונדזער חתונה! די גאַנצע צייט האָסטו אַפילו אויף קיין איין וואַרמעס ניט פאַרדינט. איך בין אַזוי שוואַך, אַזוי צעבראָכן, קוים וואָס די נשמה האַלט זיך אין מיר. וואָס האָסטו

זיך אָנגעלייגט אויף מיר?... וואָס פאַר אַ מאַנצביל זיצט אין דער היים און קוקט אַרויס דאָס ווייב זאָל אים געבן צו עסן?..

דאָס עלטערע טעכטערל, קעגן טאַטנס ווילן, פאַרנעמט וואָס ווייטער אַלץ מער זיין ראָל. זי גיט אַכטונג אויף דער הויזווירט־שאַפט און אויף די קלענערע קינדער. דער טאַטע טראָגט אויף איר אַ שינאה און די שינאה איז אַ קעגנזייטיקע. די קריגערייען פון טאַטע־מאַמע און דאָס שלאָגן די קינדער ווערן אָפטע דערשיינונגען. צו לעצט פאַרלאָזט דער טאַטע די שטוב און גייט אין דער שוואַרצער וועלט אַריין.

מיט וועלכע קאָמפּלעקסן אַזעלכע קינדער וועלן אויסוואַקסן איז זיך לייכט פאָרצושטעלן.

אָפּוועזנקייט פון ליבע מצד עלטערן איז איינע פון די וויכ־טיקסטע סיבות, וואָס שטערט דער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פונעם קינד. דאָס ווערט אָפּגעשפּיגלט אין אַן אַנדער דערציילונג איבער־געשראָקן פונעם זעלבן מחבר:

בנימין, אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר ניין־צען, אויפגעהאָדעוועט ביי אַ שטיפמאַמע, האָט געפילט אַז ער איז אַן אומגליקלעך ייִנגעלע. ער איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ קאָמפּלעקס, אַז ער איז געבוירן גע־וואָרן מיט אַ פינצטערן מזל. אויפן צוועלפטן יאָר האָט מען אים אָפּגעגעבן צו אַ שניידער. ער איז דאָרטן אָפּגעווען אַ פּאָר טעג און ער האָט געדאַרפט פאַרלאָזן די שניידעריי. דאָס זעלבע איז געשען מיט אים ווען ער האָט זיך געוואָלט לערנען, פריִער פאַר אַ סטאָליער און דערנאָך פאַר אַ שוסטער. צווישן אַריבערגיין פון איין בעל־מלאכה צו אַ צווייטן פלעגט ער אָפּזיצן אַ פּאָר וואָכן אין דער היים און דער טאַטע און די שטיפמאַמע פלעגן אים שלאָגן. צו לעצט איז ער אָנגעקומען צו אַ ראַזירער. ער איז געוואָרן אַ ספּעציאַליסט אויף שאַרפן גאָלמעסערס און גאָלן. אַלע האָבן גע־וואָלט אַז נאָר ער זאָל זיי ראַזירן. בנימין האָט עס אָנגענומען פאַר

אַ שלעכטן סימן. אין אַלץ, ווען עס איז אַפילו געווען גוט פאַר אים, האָט ער געזען שלעכטס; שטענדיק האָט זיך אים געדאַכט, אַז אויף אים לויערט דער שלעכטער מזל. ער האָט מורא געקראָגן פאַר די גאַלמעסערס. ער האָט אין זיי געזען חלפים וואָס קענען איבער־שניידן העלדזער. אים פלעגט אָנהייבן קלאַפּן דאָס האַרץ, ווען ער האָט געגומען אין האַנט אַריין אַ גאַלמעסער. ער ווערט אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט. אַזוי גייט אָן זיין לעבן. ער האָט פאַרשיידענע האַלוצינאַציעס. עס דערגייט דערצו, אַז איין מאָל, ווען זיין שטיפ־מאַמע איז געשלאָפן, האָט ער גענומען אַ שאַרף מעסער און צוגע־גאַנגען צו איר. די שטיפמאַמע האָט זיך אַ דערשראָקענע אויפגע־כאַפּט.

די דערציילונג ווערט פאַרענדיקט אַזוי:

— איר מיינט טאַקע אין דער אמתן אַז איך וועל אייך שטעכן? עט, נאַרישקייטן... אפשר וועט איר אָפּזאָגן ווידוי?.. — ער האָט איר גענומען פאַר דער גאָמבע, זי געטאָן אַ ריס אַרויף, און, ניט באַמערקנדיק פאַר איר, געטאָן אַ דריי איבער דאָס מעסער אויף דער שטומפּיקער זייט, און געגעבן עס אַ פיר אַדורך איבערן האַלדז... די אַלטע האָט זיך איין קאָרטש געגעבן און געבליבן ליגן אַ פאַר־גליווערטע...

אַ זייער שטאַרקע אומגליקלעכע איבערלעבונג קען אָפּט ווירקן זייער נעגאַטיוו אויף אַ קינדס נשמה, אַז עס זאָל איבערלאָזן אַ שטעמפּל אויף זיין גאַנץ לעבן. אַזאַ טיפּ איז פייגעלע (פון יונה ראָזענפעלד):

...זינט חיימל איז געשטאָרבן, גייט פייגעלע ווי אויף אַן אַנדער וועלט אַרום. חיימל איז גאָר פּלוצלונג קראַנק געוואָרן און איז גע־שטאָרבן, ווען פייגעלע איז אַלט געווען אַכט יאָר. זיי האָבן גע־וווינט אין שכנות און פלעגן זיךביידע שפּילן צוזאַמען. זייער באַ־ליבסטע שפּיל איז געווען אין „חתן־כלה". חיימל איז קראַנק גע־

ווארן און געבליבן ליגן אין בעט אַ לענגערע צייט. איין מאָל, ביי נאַכט, האָט זיך פייגעלע אַרויסגעגנבעט פון איר צימער און איז אַריין צום קראַנקן חיימלען. זי האָט אים שטאַרק אָנגעקוקט. „ווייסט, פייגעלע, איך וועל שטאַרבן!" — האָט חיימל אַ פּאָר מאָל צו איר געזאָגט. — „וועסטו וויינען נאָך מיר?"

טרערן האָבן זיך אָנגעהויבן צו גיסן פון פייגעלעס אויגן. אויף מאָרגן איז חיימל געשטאָרבן. דערהערנדיק פּלוצלונג אַ געוויין, איז זי אַראָפּגעשפּרונגען פון איר בעט און אַריינגעלאָפן צו חיימלען אין צימער. זי האָט ניט געקענט גלייבן, אַז חיימל איז געשטאָרבן. אַזוי גייט אַריבער אַ יאָר. איר דאַכט זיך שטענדיק, אַז זי איז מיט חיימלען צוזאַמען. אַלץ קוקט איר אויס אַנדערש. אַפילו טאַטע-מאַמע, די ברידערלעך און שוועסטערלעך זיינען אַנדערש. ווען מען רעדט צו איר, הערט זי נאָר אַ קול, אָבער נישט קיין ווערטער. ביי נאַכט חלומט זי חלומות. אָבער די חלומות קוקן אויס ווי די וואָר. פאַר־קערט, ביי נאַכט זעט זי חיימלען אַ לעבעדיקן און ביי טאָג דאַכט זיך איר אַז חיימל איז טויט, און דערפאַר האָט זי בעסער גערן די נאַכט איידער דעם טאָג...

פאַראַן דערציילונגען וועגן דעפעקטיווע קינדער ביי אַברהם רייזען. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויף צוויי פון זיי: רייזעלע און דער הונט:

איינזאַמקייט, זיין אַליין, אָן חברים, פּירט קינדער אין זייער זוכעניש נאָך פריינד צו אַן איבערגעטריבענער ליבשאַפט צו דער־וואַקסענע, וואָס קענען פאַקטיש, צוליב זייער עלטער, ניט זיין זייערע אמתע מיטחברים.

רייזעלע איז אַ מיידעלע פון אַכט יאָר, ביי אַן אָרעמער אַלמנה. ווען זי שטייט אויף אין דער פרי, איז די מאַמע, — אַ מאַרקהענדלע־רין, — שוין ניטאָ אין דער היים. זי טוט זיך אָן אין אירע אַלטע,

צעריסענע שמאַטעס און עסט דעם פּאָר איר צוגעגרייטן פרישטיק: אַ שטיקל ברויט און אַ ביסל מילך אין אַ צעבראָכן גלאָז.

זומערצייט פלעגט זי אַוועקלויפן צו איר מאַמען, וואָס איז געווען איר איינציקע פריינד־חברטע. ווינטער האָט זי ניט געקענט צו איר לויפן, ווייל זי האָט קיין מאָל קיין שיך ניט געהאַט. זיצט זי אַ גאַנצן טאָג אין הויז און קוקט אויס דער מאַמעס קומען, צו־לויפנדיק אַלע מאָל צום פענצטער, צו זען אויב זי גייט שוין. ווען ס׳איז שוין גוט פינצטער, קומט די מאַמע. דער קלאַפּ מיטן טיר זאָגט אָן איר קומען. קיינער, אַחוץ דער מאַמען, עפנט ניט אַ גאַנצן טאָג די טיר. די מאַמע קאָכט אָפּ וועטשערע, — אַ ביסל גרויפּן. און ביידע זעצן זיך עסן. ווען די מאַמע פאַרהוסט זיך ביים עסן, בעט זיך רייזעלע ביי איר מיט טרערן אין די אויגן זי זאָל ניט הוסטן.

אַזוי זיינען אַריבער רייזעלעס יאָרן אין איינזאַמקייט, אָן חבר־טעס. זי ווערט צוועלף יאָר. זומער לויפט זי נאָך אַלץ אַ באָרוועסע, אין אָן אַלט, צעריסן קליידל, צו דער מאַמען אין מאַרק. אָן אַנדערע מאַרקזיצערין הייבט אָן רעדן מיט רייזעלעס מאַמע וועגן אַ תכלית פאַר רייזעלען און זאָגט, זי זאָל גיין אויף אַ שטעל. ווען זיי קומען ביידע אַהיים רעדט די מאַמע מיט טרערן אין די אויגן וועגן איר טאָכטערס ביטערער לאַגע:

...ביסט שוין אַ מיידל פון צוועלף יאָר און האָסט אַפילו ניט קיין פּאָר שיך, קיין העמד אויפן לייב...

זיי ריידן וועגן זוכן אַ פּלאַץ, ווו צו פאַרדינען געלט, און מיט אַכט טעג שפּעטער איז שוין רייזעלע אָנגעקומען צו אַ מאַדאַם אויף אַ שטעל. רייזעלעס אָפּגעריסן ווערן מיט אַ מאָל פון איר מאַמען, איר בענקשאַפט צוריק אַהיים, איר שטאַרקע ליבשאַפט און זאָרג פאַר דער מאַמען פאַרוואַנדלט איר שטעל אין אַ טורמע, און אין

די שלאָפלאָזע נעכט שטייט זי ביים פענצטער אַ ווייגענדיקע און קוקט אין דער ריכטונג פון איר מאַמעס שטיבעלע.

אָרעמקייט, הונגער, אומזיכערקייט און אויסזיכטלאָזיקייט זיינען וויכטיקע סיבות פאַר אויפוואַקסן דעפעקטיוו, מיט אַ קאָמפּלעקס פון שינאה צו דעם גאַנצן אַרום.

כאַצקל, פון דער דערציילונג דער הונט, איז אַ קיילעכדיקער יתום. קיין בעל־מלאכה ווערן האָט ער ניט געוואָלט. האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט פון איין שטעטל צו אַן אַנדערן און ווי ניט איז געקראָגן וואָס צו עסן. חברה שטיפערס האָט אים ליב געקראָגן, ווייל ער האָט געקענט בילן ווי אַ הונט. האָבן יינגלעך טאַקע אים גערופן „דער הונט״. אים האָט עס ניט געאַרט, ווייל ער האָט זיך געפילט אויסגעטיילט פון מענטשן, וועלכע ער האָט פיינט געהאַט.

דער נאָמען גיט אים פרייהייט אַרומצולויפן און אָפּצוטאָן פאַרשיידענע שפּיצלעך. אַזוי האָט ער זיך אָפּגעוואַלגערט אין אַ שטעטל צוויי יאָר, אַ מאָל אין די גאַסן פון שטעטל און אַ מאָל הינטערן שטעטל, אויפן פעלד. דאָ האָט ער זיך געפילט גאַר גוט. ער פלעגט גיין אויף די הענט און בילן... דאָ האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז אַן אמתער הונט און די גאַנצע וועלט איז זיינע. פלעגט ער ווערן זייער הונגעריק, איז ער געלאָפן אין שטעטל זוכן עפּעס צו עסן.

„ווערסט פּגרן ווי אַ הונט״, האָט אים איין מאָל אַ יינגל געזאָגט. און כאַצקל ענטפערט, אַז ער האָט הינט בעסער ליב ווי מענטשן.

איין מאָל דערציילט אים דער זעלבער יינגל, אַז מען גייט פאַר־סמען הינט, וואָס דרייען זיך איבער די גאַסן. מען וועט זיי פאַר־נאַרן מיט פלייש־קאָטלעטן, וווּ מען וועט אַריינלייגן סם. די נאַכט איז שוין דער הונט אין פּאָליש פון שול ניט געשלאָפן רויִק. ער האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ דעם יינגלס בשורה. ער האָט זיך

אָבער אַליין באַרויִקט מיט דעם, וואָס ער איז דאָך ניט קיין אמתער הונט...

אויף מאָרגן אין דער פרי, ווען ער איז געוואָרן זייער הונגעריק, איז ער ווידער אַ צערייצטער, מיט אַ בילעריי, אַוועקגעלאָפן אויפן מאַרק.

אַ טיפּיש דעפעקטיוו קינד איז די ווילדע בריאה פון י. ל. פּרץ.

געבוירן געוואָרן איז זי אַ נאָרמאַל קינד.

...די באָבע, וואָס האָט זי אָפּגענומען, האָט געזאָגט: „אַ שיין קינד". די ערשטע פּאָר יאָר איז זי גוט געוואַקסן. זי האָט, פריִער די ברוסט, דערנאָך די מוטער, דערנאָך דעם פאָטער, און שפּעטער אין שטוב אַלץ דערקענט... נאָר דאָס האָט נישט לאַנג געדויערט. אין אַ צייט אַרום הייבט זי אָן גיין צוריק... ווייניקער געדענקט זי די זאַך...

פאַר וואָס?

דער פאָטער פלעגט אַ סך מאָל שרייען, די מוטער וויינען; טייל מאָל האָט מען אַזוי הויך געשריִען, אַז זי פלעגט אַנטלויפן אין אַ ווינקעלע און באַהאַלטן זיך פאַר שרעק. אין אַ צייט אַרום האָט מען זי אָנגעהויבן צו שלאָגן. דערביי אַלע מאָל ווייניקער צו געבן עסן... דער פאָטער פאַרלאָזט די משפּחה. שפּעטער שטאַרבט די מוטער. זי ווערט איבערגעגעבן צו אַ פרעמדער פרוי צו האָדע־ווען זי. זי קריגט ביי דער פרוי דאָס זעלבע עסן, וואָס זי גיט אירע אייגענע קינדער. זי איז כמעט זאַט, זי פילט זיך אָבער דאָרטן ווי אַ פרעמדע. זי האָט פיינט די קינדער, מורא פאַר דער פרוי, פאַר פריידלען, און בענקט... ווען מען הערט אויף פריידלען צו צאָלן פאַרן קינד, וואַרפט זי עס אַרויס פון שטוב. די „ווילדע בריאה" לויפט איבערן שניי באָרוועס און לאַכט...

ווי אַזוי ירושה־אייגנשאַפטן און אַ שלעכטע היים־סביבה ווירקן אויף דער געשטאַלטונג פון אַ קינד, מאָלט אונדז אויף אַ ברייטער קאַנווע ש. אַש אין זיין מאָטקע גנב.

ווען מאָטקע איז אַלט געוואָרן צוויי־דריי יאָר, האָט די מאַמע צום ערשטן מאָל אין לעבן אפשר הערצלעך געקושט אים.

מאָטקע האָט זיך געהאָדעוועט אָן אַ מאַמען. די מאַמע איז געווען אַן אַם, — זי האָט געזויגן קינדער פאַר געלט, און דאָס אייגנטלעך איז געווען דער קוואַל פון פרנסה פאַר דער גאַנצער משפחה. מאָטקע האָט זיך דערנערט פון זייגן אַ פינגער אָדער אַ נאַסע שמאַטקע. איז ער שטענדיק געווען הונגעריק און געהאַט בויך־ווייטיקן. הונגער צווינגט אים טאַקע, ווען ער קען שוין קריכן אויף אַלע פיר, אַרויסצורייסן עסן ביי קינדער אויפן גאַס. ווען ער וואַקסט אויף, גנבעט ער אייער, הינער, אָדער אַנדערע זאַכן ביי פויערים וואָס קומען פאַרקויפן די פּראָדוקטן אין שטאָט. די מאַמע איז פון דעם גאַנץ צופרידן.

אין חדר, אָדער תלמוד־תורה, וויל ער ניט גיין. מען פירט אים אַהין אַוועק און ער אַנטלויפט צוריק.

קיין אַנדערן נאָמען פון דער מאַמען אַחוץ ממזר הערט ער ניט. קיין חברים האָט ער ניט. קינדער האָבן פאַר אים מורא, חברט ער זיך מיט אַ הונט.ביים הונט געפינט ער רו און טרייסט.

מען גיט אים אָפּ צו אַ שוסטער, אָבער ער אַנטלויפט פון וואַרשטאַט. ער נעמט נאָך צו דאָס געלט, וואָס דער באַלעבאָס גיט אים, צו קויפן ברויט מיט הערינג. ווען דער טאַטע קריגט אים אַריין אין זיינע הענט, באַשטראָפט ער אים מיט פייערדיקע ריטער. מאָטקע ווערט דער קעניג פון הינט און דערנאָך אַ גנב מיט גנבים גלייך.

אַ זייער כאַראַקטעריסטישע דערציילונג פון אָפּגעשטאַנענע קינדער איז קאָנקורענטן פון ז. שער (אַזוי איז עס באַשערט, ציק"אָ ביכער־פאַרלאַג, נ"י, 1954). עס האָט צו טאָן מיט צוויי גייסטיק

אָפּגעשטאַנענע און פיזיש־פאַרקריפּלטע קינדער: בעקי און סאָול. שוין זייער אויסערלעכער אויסזען באַווייזט אויף זייער אומנאָר־מאַלקייט:

...סאָול איז געווען אַ הויך געוויקסיקער, שמאָל און דאַר ווי אַ שפּאָן. זיין פּנים איז געווען ביינערדיק, ברייטער ווי לענגער. די הויט, — אַ טונקעלע, אַ געקנייטשטע, און שטענדיק צעשפּאָלטן, באַדעקט מיט פּרישטשיקלעך... דאָס מויל איז געווען אַ ביסל אויס־געקרימט. דער קאָפּ אַ ברייטער, פלאַכער, ווי אַן איינגעקוועטשטער... ביידע הענט און פיס זיינען געווען אויסגעקרימט, אויסגעדרייט. ביים גיין פלעגט זיין איבערשטער טייל פון קערפּער, קרום און אויסגעדרייט, שווער זיך באַוועגן אויף רעכטס און לינקס... דאָס גיין איז אים אָנגעקומען שווער... געווען איז ער אַ שטאַמלער, אַ זאַהיקע...

בעקי איז געווען אַ נידעריקע, אַ שטשופּלינקע, הויט און ביי־נער, אַ ניט־דערוואַקסענע, מיט אַ הערבל אויפן לינקן זייט פון דער פּלייצקע. אַן איינגעפאַלן פלאַך ברוסטל... אירע קליינע אייגע־לעך, — ווי צוויי שמאָלע פאַסיקלעך, — האָבן שטענדיק אויסגע־קוקט פאַרטרויערט און ווי כּסדר ברוגזע, כעסדיקע. די הויט פון איר דאַר פּנימל איז געווען געריינצלט און געהאַט אַ געלבלעכן קאָליר... מען האָט קיין מאָל פון איר מויל ניט געהערט קיין וואָרט אויסריידן... דינע פּיסלעך ווי די שטעקעלעך... מען זעט קיין מאָל ניט קיין שמייכל אויף איר פּנים...

האָבן זיך ביידע קינדער נוצלעך געמאַכט: בעקי מיט אַכטונג געבן אויף קינדער פון גרויסן טענעמענט־הויז, און סאָול מיט גיין געענג.

האָבן ביידע די אַרבעט געטאָן מיט איבערגעטריבענער ליב־שאַפט און איבערגעגעבנקייט. ווען סאָול האָט איין מאָל גענומען אויף זיך אַכטונג צו געבן אויף אַ קינד, ווייל בעקי איז געווען פאַר־

נומען מיט אַכטונג געבן אויף אַן אַנדער קינד, האָט בעקי עס ניט געקענט איבערטראָגן און פול מיט כעס האָט זי אויסגעשריִען צו אים: קריפל, טו דיין אַרבעט!.. אַכטונג געבן אויף די קינדער גע־הערט צו מיר!..

בעקי האָט ניט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, וואָס סאָול איז געוואָרן איר קאָנקורענט. בעקיס מאַמעס אַלע רייד, אַז זי קען דאָך ניט אַכטונג געבן אין איין און דער זעלבער צייט אויף אַלע קינדער, האָבן ניט געהאָלפן. זי האָט זיך אָנגעהויבן שרעקן... מען וועט איר אָוועקנעמען אַלע אירע טייערע קינדער...

צו ביסלעך האָט בעקי שלום געמאַכט מיט איר לאַגע, אָבער ביי יעדער געלעגנהייט האָט זי חוזק געמאַכט פון סאָולן, וואָס ער פאַרנעמט זיך מיט אַכטונג געבן אויף קינדער.

סאָול באַמיט זיך מיט אַלץ צו געפעלן ווערן בעקין. בעקי ווערט שטאַרק קראַנק, גייט דורך אַן אָפּעראַציע און שטאַרבט. אויף סאָולן ווירקט איר טויט שעדלעך. ער ווערט ניט־דער־זעלבער וואָס געווען. פון זיין פּנים טוט זיך אין גאַנצן אָפּ זיין שמייכל, זיין גוטמוטיקייט. ער וויל מער ניט גיין קיין גענג, אַכטונג געבן אויף קינדער. אויב ער גיט אַ מאָל יאָ אַכטונג אויף אַ קינד, איז עס אויף אַזאַ, וואָס בעקי האָט פריִער אויף אים אַכטונג געגעבן, און מיט זיין שטאַמ־לענדיקן לשון רעדט ער צום קינד:

„האַ, ט־טוצ־צי־ט־טוצ־צי־ט־טוצ־קעלע, ד־דו האָלט געהאַט ב־בעקין, האַ? איך אויך האָלט געהאַט בעקין". — און זיין קול איז געווען אָנגעזאַפּט מיט געוויין.

האָבן מיר אין דער דערציילונג כאַראַקטער־שטריכן פון אויסער־לעכן אויסזען פון קריפּלס, שטאַמלעריי, איבערגעטריבענע ליבשאַפט, אומזיסטע מורא, אד"גל.

אַ פּיעסע אין דריי אַקטן פון י. ל. פּרץ, דער הויקער, געדרוקט אין די וואַרשעווער ליטעראַרישע בלעטער, 1927, מאָלט אונדז אַ

יינגל, דודל, געבוירן אַ נאָרמאַל קינד און געוואָרן אָבער, צוליב אַן אומגליקספאַל, אַ הויקער. ווען ער איז געווען נאָרמאַל, ווי אַלע קינדער, איז ער געווען באַליבט ביי אַלעמען. ווען ער איז אָבער געוואָרן אַ הויקער האָבן קינדער אים פיינט געקראָגן, געוויינכט פון אים און געוואָרפן אויף אים שטיינער. ווי קען אַזאַ אויסוואַקסן אַנדערש ווי גייסטיק דעפעקטיוו?

משה דלוזשנאָווסקי, אין זיין בוך האַרבסט אין וויינגאָרטן, (פ"ג „יידבוך", בועגאָס־איירעס, 1956) באַשרייבט אין זיין דערציילונג דער גאָלדענער רינג אַ יינגל, פנחסל הויקער:

...אַ קליין, דאַר יינגל מיט אַ פאַרקריפּלטער פּלייצע און צע־שראָקענע אויגן, אין וועלכע עס האָט געגליט אַ טרויער פון אַ גע־פּלאָגטער חיהלע...

פנחסל הויקער האָדעוועט זיך אין גרויס אָרעמקייט, ביי אַ טאָטן אַ לאַטוטניק. ער ווערט אָוועקגעגעבן צו אַ שניידער, גאָדל, זיך צו לערנען די מלאכה. אין זיין האַרצן ברענט אַ שינאה צו זיין באַלעבאָס.

די שינאה צום באַלעבאָס אַנטוויקלט ביי פנחסלען אַ געפיל פון נעמען נקמה. גאָדל טראָגט אויף זיין פינגער אַ גאָלדענעם רינג, מיט וועלכן ער באַרימט זיך, און פנחסל גנבעט עס אָוועק פון אים. דער באַלעבאָס האָט פיל צער פון פאַרלאָרענעם רינג.

פנחסל האָט זיך דעמאָלט פאַרגליכן צו דלילהן, וואָס האָט אָפּגעשוירן ביי שמשונען די האָר, צוליב וואָס ער האָט פאַרלוירן זיין גבורה. וואָס מער גאָדל האָט געהאָט צער, אַלץ פריילעכער און האָפערדיקער איז פנחסל געוואָרן.

פנחסל איז ניט געווען קיין גנב. ער האָט עס געטאָן צוליב נקמה, און אין איין טאָג האָט ער טאַקע צוריקגעקערט דעם רינג גאָדלען.

ווי אַזוי ליבשאַפט און טריישאַפט פון אַ מוטער צו אַ קראַנקן

קינד פירט אים אַרויס פון זיין צושטאַנד, שוואַכט אָפּ זיין מורא פאַר יעדער נייער זאַך, מיט וועלכער ער שטויסט זיך אָן, שוואַכט אָפּ זיין קראַנקע פאַנטאַזיע, וואָס מאָלט אים אויס שרעקלעכע זאַכן, שטעלט אים אַוועק אויף זיינע אייגענע פיס און דערפירט אים אויסצווואַקסן אַלס נאָרמאַלער דענקנדיקער מענטש, ברענגט אונדז שלמה סיימאָן אין זיין בוך וואָרצלען.

דער הויפּטהעלד שמעון „איז געווען מיט אַ מום — ער איז אַ ,סידון׳״ (אַ זיצער). ער קען נישט גיין, ווייל ער ליידט אויף דער ענגלישער קרענק — ווייכע ביינער. קיין דאָקטער האָט מען צו אים ניט גערופן: „ער וועט איבערוואַקסן די קרענק״ — האָבן די שטו־ביקע געזאָגט.

די אָרעמקייט פון איין זייט און די אמונה אין רבש״ע פון דער אַנדערער זייט האָט געפירט דערצו, אַז מען זאָל איבערלאָזן שמעונען אויף גאָטס באַראָט. דאָס קינד אָבער „האָט זיך געשראָקן, ווייל ער איז שטענדיק געזעסן אויפן דיל. ניט געקענט אַפילו אַרומקריכן אויף אַלע פיר.ביים יינגל אין קאָפּ האָט זיך אויסגעלייגט, אַז דער טיש, די שטולן, די טאַבורעטקעס און די קיכבאַנק קענען גיין. אַ סימן — זיי שטייען אויף די פיס, וואָס ער קען עס ניט; דאַרף מען זיך היטן פאַר זיי...

ער שטרענגט זיך אָן און וויל זיך שטעלן אויף אַלע פיר, אַוועקפויזען, אַוועקקריכן. אָבער די פיס און די הענט פאָלגן ניט. ציט ער זיך אויס אויפן דיל און הייבט זיך אָן צו קייקלען און פאַר־קייקלט זיך אין אַ ווינקל און זעצט זיך אויף. די וואַנט איז האַרט, גלאַט און קאַלט. זיינע פּלייצעס רירן זיך אָן אָן איר און ער ווייס, אַז ער קען זיך ווייטער ניט רוקן. דאָס יינגל קוקט אין שוואַרצן חלל פון דער סאַלע און ער זעט ניט קלאָר אין דער פינצטערניש דעם טיש. ער ווערט זיכער ביי זיך, אַז דער טיש שפּאַצירט אַרום אין צימער. אָט וועט ער אים פאַרבייגיין און אים צודריקן מיט זיינע

קלעצלדיקע פיס און אים צעקוועטשן. עס איז אים ביטער. ער דאַרף זיך ראַטעווען. ער דאַרף רופן צו הילף דער מאַמען, זי זאָל אים אַרויפזעצן אויף דער קאַנאַפּע. דאָס קאַליקע יינגל לאָזט אַרויס אַ ווילד קול: „מאַמע!" דאָס גאַנצע הויז ווערט אויפגעטרייסלט.

זי געפינט אים מיט די אויגן, ווי ער זיצט פאַרטייעט אין אַ ווינקל; זי גייט צו צו אים. זי איז אַ קליינינקע, אַ דאַרע — הויט און ביינער — און ער איז שוין אַ בחור פון דריי און אַ האַלב יאָר. קוים מיט צרות הייבט זי אים אויף, זעצט זיך אַוועק מיט אים אויף דער קאַנאַפּע און טוליעט אים צו צו זיך...

ער בליפּעט... די מאַמע גלעט אים... דאָס קינד איז ניט נאָר אַ קאַליקע, נאָר ביי אים איז נאָך עפּעס גאָר פאַררויכערט דאָס מוחל...

— זונעניו, פייגעלע מיינס, שאַ! די מאַמע איז דאָ. שטיל, יינגעלע.

די מאַמע צינדט אָן דעם אויוון. די שייטלעך האַלץ צעפּלאַקערן זיך, און דער פייער שפּאַרט אַרויס פון אויוון. „דאָס יינגל קוקט און ציטערט: ווער וועט קענען אָפּשטעלן אַזאַ גבורה? דער פלאַם, אויב ער זאָל נאָר וועלן, קען ער אַרומכאַפּן דאָס גאַנצע הויז. אַלע וועלן זיך ראַטעווען, זיי האָבן דאָך געזונטע פיס און קענען אַנטלויפן, אָבער ער, דער „סידון", וועט דאָ בלייבן. ער וועט פאַרברענט ווערן אין איינעם מיט דער סאָפקע און שעניק — אָן אָנגעשטאָפּט זאַק מיט שטרוי — אויף וועלכן ער ליגט".

אין אַ צייט אַרום איז שמעון געזונט געוואָרן. שלמה סיימאָן באַשרייבט אים בזה הלשון:

„אַ פּאָר טעג פאַר שבועות האָט ער זיך געשטעלט אויף די פיס און אין געציילטע וואָכן האָט ער אַ וואַקס געטאָן. זיין בויך, וואָס איז געווען אָנגעבלאָזן און קיילעכדיק ווי אַ צעבערל, איז איינגעשרומפּן געוואָרן. די דינע שטשופּלע פליצקעס זיינען געוואָרן אויסגעגלייכט און ברייטער... די באַקן זיינען געוואָרן פול, מיט

אַ רויטלעכקייט אין זיי. ער איז געוואָרן רירעוודיק, פול מיט קינ־דערישער באַוועגלעכקייט, ניט געקענט איינזיצן קיין מינוט אויף איין אָרט. דאָס מאָל שטענדיק אַ פולער מיט רייד און געלעכטער...

— ער וויל אַניאָגן, וואָס ער האָט פאַרשפּעטיקט, — האָט די מאַמע געזאָגט, — אָפּגעזעסן כמעט פולע זעקס יאָר און ניט געקענט אַפילו אַרומפּויזען, ווילט זיך אים איצטער אַלץ אַריינכאַפּן".

צוליב זיין קראַנקהייט האָט ער ניט אָנגעהויבן לערנען אין דער זעלבער צייט ווי אַלע יינגלעך פון זיין עלטער. „אַלע יינגלעך פון זיין עלטער קענען שוין זאָגן עברי און ער ניט. ער איז שוין גאַנצע זעקס יאָר אַלט און גייט אַרום פּוסט־און־פּאַס. די יינגלעך רייצן זיך מיט אים. אָבער ער וועט זיי ווייזן! זאָל ער נאָר אָנהויבן גיין אין חדר!"

שמעון האָט געהאַט אַ סך פאַנטאַזיע. דער עולם שטייט שמונה־עשרה. אַלע יידן שעפּטשען און שאָקלען זיך פרום. שמעון שטייט אויף דער באַנק און קוקט איבער די קעפּ פון די מתפללים. ער זעט ממש מיט די אויגן, ווי די תפילות שוועבן איבער די קעפּ פון עולם און שפּאַרן זיך אונטערן פּרוכת און אָרון־קודש אַריין... אים דאַכט זיך, אַז ער זעט אַ נעפּל איבער די קעפּ פון עולם. אָט אַזאַ נעפּל זעט ער זומער אויפהייבן זיך איבער די גערטנער...

שמעון שטייט פאַרשטאַרט. דער ברודער זיינער, שלמה, איז שוין אויסגעגאַנגען שמונה־עשרה און ער קוקט מיט שרעק אויף זיין פּנים. ער טוט אים אַ טורקע מיטן עלנבויגן:

— וואָס שטייסטו ווי אַן אָפּגעמאַלטער?

שמעון טוט זיך אַ טרייסל. ער גייט אַראָפּ פון באַנק און פרעגט שטיל דעם ברודערל:

— דו זעסט ניט?

— וואָס?

— ווי זיי שטראָמען צום אָרון־קודש!

— ווער? וואָס?

— די תפילות!

שלמה שטייט מיט אַן אָפענעם מויל:

— ווי איך בין אַ ייד, דו ביסט צעדרייט, משוגע אויף טויט..."

אַזוי איז שמעון געוואַקסן. ער האָט גענומען גיין אין חדר שפּעטער ווי אַלע קינדער.

די נאַכט, איידער ער האָט אויף מאָרגן געדאַרפט גיין אין חדר, איז ער כמעט ניט געשלאָפן. שוין חדשים אַז ער איז אומ־געדולדיק צו אָנהייבן גיין אין חדר. מאָרגן גייט ער צו אַברהם דעם לאַנגן, דעם דרדקי מלמד. ביי שמעונען איז עס אַ פרייד און אַ פּאַרדרוס, וואָס ער, אַ זעקס אַ האַלב־יאָריקער בחור וועט דאַרפן זיצן אויף איין באַנק מיט עופעלעך. ער האָט דאָך שוין געדאַרפט מיט אַ האַלב יאָר צוריק גיין צו נחום דעם חומש־מלמד אין חדר... און אַ גרויסער סוד האָט אים באַאומרויִקט: זיי האַלטן דאָך אים פאַר אַ גוטן קאָפּ; ער קען אויף אויסנווייניק אַ סך תפילות... אָבער אין סידור קען ער קיין אות ניט געפינען. וויפל ער האָט זיך ניט געמאַטערט צו דערקענען אותיות, קען ער דערקענען נאָר צוויי: דעם אַלף און די שין: אַ קאַראַמיסלע מיט צוויי עמער איז אַן אַלף און אַ ברעטל מיט דריי מאַקאָווקעס (מאָן־קעפּלעך) איז אַ שין...

אָט זיצט ער אין חדר מיט נאָך קינדער. ער האָט געוווּסט, אַז ער איז צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי אַ דרדקי יינגל דאַרף זיין... ער האָט שוין געדאַרפט לערנען „שוואַרבע..."

דער רבי איז אויף שמעונען בייז, וואָס ער קען נאָך אַלץ ניט קיין עברי. „מיר איז שווער צו דערקענען אותיות, רבי, — האָט שמעון געענטפערט. — איך געדענק אויף אויסנווייניק, אָבער קען ניט דערקענען עפּעס אין סידור.

שמעון איז שנעל געוואַקסן אין זיין לערנען. יעדער רבי אין שטעטל האָט געהאַלטן פאַר אַ כבוד צו האָבן שמעונען פאַר אַ תלמיד. שנעל גייט ער אַריבער פון חומש־מלמד צו אַ גמרא־מלמד.

איינער פון די בעסטע גמרא־מלמדים איז געווען רב מענדל. ער קומט צו שמעונס מוטער, זי בעטן, אַז ער זאָל אָנקומען צו אים זיך לערנען.

מערע איז צעטומלט געוואָרן. זי האָט געוווּסט, אַז מענדל גייט ניט זוכן קיין קינדער פאַר זיין חדר. געוויינטלעך דאַרף מען ביי אים זיך בעטן און דאָ איז ער צו איר געקומען. ס'איז דאָך עפּעס אַ כבוד, וואָס מאַכט איר האַרץ ברייטער ווי לענגער. אָבער זי האָט ניט געהאַט קיין חשק צו שיקן שמעונען צו מענדלען אין חדר. זי האָט געציטערט איבערן קראַנקן, געראַטענעם זון.

אַזוי איז אין גרויס אָרעמקייט, אָבער אין פיל ליבשאַפט, אויס־געוואַקסן שמעון, וואָס יעדע טאַטע־מאַמע וואָלטן זיך געוווּנטשן אַזאַ זון צו האָבן.

*

מיר האָבן געבראַכט אויסצוגן פון דערציילונגען, פון אַ נאָוועלע, אַ קינדער־פּיעסע, ווו עס ווערן באַשריבן אומנאָרמאַלע, דעפעקטיווע קינדער. זיכער איז, אַז מיט דעם איז נאָך ניט אויסגעשעפּט דער גאַנצער מאַטעריאַל.

אינהאַלט:

עזריאל נאַקס / פאָרוואָרט 7
הקדמה 13
וואָס מיינט "דעפעקטיווע קינדער" ? 18
וואָס פירט צו מוח־צעשטערונג ביי קינדער ? 22
טיפּן פון אָפּגעשטאַנענע קינדער 24
וואָס צו, איז ניט גוט 35
געדולד און ליבשאַפט ביים האָדעווען קינדער 37
אינסינואַציע 40
צעשטערערישע קינדער 42
שרעקעוודיקע קינדער 45
סכיזאָפרעניע און אַנדערע גייסטיקע קראַנקהייטן 47
די היים און דאָס קינד 51
ספּעציעלע שולן פאַר דעפעקטיווע קינדער 60
טעכנישע שולן 69
הינטערשטעליקע קינדער 70
עמאָציאָנעלע אַנטוויקלונג 73
וווקס פון קינדס פּערזענלעכקייט 75
דער עלמאָנט־פּראָיעקט 78
"סאַמערהיל" 88
די היטלער־עפּאָכע און דאָס יידישע קינד 93
אַלגעמיינע אויספירן 100
דעפעקטיווע קינדער אין דער יידישער ליטעראַטור 103